YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv17i01

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 17 Issue 1
January 1935

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 17, Iss. 1)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/613

845609A
ASTOR, LENOX AND
TILDEN FOUNDATIONS
R 1936 L
JAN 12'35
217
N Y Pub Library
42 St & 5 Ave

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Vol. XVII. No. 1. Jersey City, N. J., January, 1935 Price 10 Cents

פּרעזידענט דובינסקי'ס נייע־יאָהרס גרוס

ברידער און שוועסטער, מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנעל:

דאָס יאָהר 1934 איז אוועק — א נייע יאָהר איז אנגעקומען.

האָבען מיר וועלכע אורזאכען צו זיין צופריעדען מיט דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר? האָט עס דערפילט אונזערע ערוואַרטונגען אדער האָט עס אָפּגענאַרט אונזערע האָפנונגען? האָבען מיר אורזאכען צו ערוואַרטען גרעסערע דערגרייכונגען אין 1935?

עס קענען קיין שום מיינונגספאַרשידענהייטען ניט זיין, אז די אלגעמיינע לאַגע אין לאַנד איז אינדוסטריעל, עקאָנאָמיש און פסיכאָלאָגיש נאָך אין א זייער קריטישען צושטאַנד. עס געפינען זיך נאָך אלץ אין אונזער לאַנד צעהן מיליאָן ארבייטער אָהן ארבייט, און צוויי מאָל אזוי פיל מוזען אונטערשטיצט ווערען פון דער נאַציאָנאַלער, פראָווינציאַלער און שטאַטישער רעגירונג. די קעפּטענס פון דער פינאַנץ און אינדוסטריע, וועלכע שטעלען זיך מיט אזא גרויסען עקשנות אנטקעגען יעדען פאַרזיך צו פאַרטיילען די ארבייט און פאַרדינסטען דורך א קירצערע ארבייטס וואָך און גרעסערע קויפּסקראַפט פון די מאַסען האָבען ניט באַוויזען אנצובאָטען קיין שום קאָנסטרוקטיווע הילף צו שאַפען ארבייט פאַר די ארבייטסלאָזע. דער קומענדיגער יאָהר, האָף איך, וועט זיין אן עדות פון א גרויסען קאַמף פאַר דער 30־שטונדיגער ארבייטס־וואָך און פאַר דעם פולען און אבסאָלוטען רעכט פון די ארבייטער צו קאָלעקטיווע פאַרהאַנדלונגען און פאַר סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

דער קאַמף וועט זיך אָנפאַנגען אין האַל פון קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן און וועט זיכער אריבערגעטראַגען ווערען אויף דער פּיקעט ליין. ווי דאָס זאָל ניט געשעהן, וועט עס אויף יעדען פאַל זיין א פאַרצווייפעלטער קאַמף אין וועלכען די רעאַקציע וועט קאָנצענטרירען אלע איהרע פינסטערע כחות צו באַקעמפען די שטרעבונגען פון די ארבייטער און זייערע פריינד.

וואָס אנבאַטרעפט אונזער אייגענע אָרגאַניזאַציע, די אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, האָבען מיר יעדע אורזאַך צו זיין צופרידען מיט דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר, ווייל דער יאָהר 1934 האָט באַוויזען אז מיר האָבען ניט בלויז אָנגעהאַלטען די גרויסע געווינסען וואָס דער סוף פון יאָהר 1933 האָט אונז געבראַכט, נאָר מיר האָבען אויך באַוויזען גייסטיג און מאַטעריעל צו באַפעסטיגען אונזער אָרגאַניזאַציע און צו פאַרגרעסערען אונזער מיטגלידערשאַפט.

מיר זיינען באַזונדערס צופרידען, וואָס מיר האָבען אין אונזער גאַנצער אינדוסטריע אויפגעהאַלטען די 35־שטונדיגע ארבייטס וואָך און ניט געקוקט דערויף וואָס מיר האָבען געהאַט שלעכטע סעזאָנס, האָבען מיר צוליב דער קורצער ארבייטס וואָך ניט געליטען אזוי שטאַרק פון דער ארבייטסלאָזיגקייט ווי אַנדערע אינדוסטריעס אין לאַנד.

דער ענטפער אויף דער פראַגע צי מיר מעגען האָפען אויף גרעסערע דערגרייכונגען אין יאָהר 1935 הענגט הויפּטזעכליך אָפּ פון אונז אליין.

אויב מיר וועלען האַלטען אונזערע רייהען געשלאָסען, אויב מיר וועלען אויפהאַלטען אונזער אייניגקייט, אויב מיר וועלען ערפילען אלע פליכטען, וואָס עס ליגען אויף דער מיטגלידערשאַפט פון א טרייד יוניאָן אינדיווידועל און קאָלעקטיוו, דאַן איז ניט פאַראַן קיין שום אורזאַך פאַרוואָס דאָס נייע יאָהר זאָל אונז ניט געבען די זעלבע קראַפט, אנטשלאָסענהייט און איינפלוס וואָס עס פאַרדינט אן איינפלוסרייכע קערפּערשאַפט פון אָרגאַניזירטע מענער און פרויען, און נאָך גרעסערע אויפטואונגען ווי דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר האָט אונז געגעבען.

אלעס הענגט אָפּ פון אונז אליין. די מאַכט פון ארבייטער קלאַס קומט ניט פון דרויסען נאָר פון אינעווייניג. טראָץ פאַרשידענע שוועריגקייטען האָבען מיר אין פאַרגאַנגענעם יאָהר אויפגעטאָן דאָס מעגליכסטע. לאָמיר איצט אלע אין איינעם — די נייע און אלטע מיטגלידער פון אונזער יוניאָן, די וועטעראַנען, וועלכע זיינען געווען די פּיאָנערען און די בויער פון דער יוניאָן אין אָנפאַנג פון דיזען יאָהר־הונדערט, און די יונגע מיטגלידערשאַפט, וועלכע האָט זיך לעצטענס אָנגעשלאָסען אָן אונזערע רייהען, באַגרייפען אָט דעם אמת. לאָמיר אלע אויף דעם שוועל פון נייעם יאָהר זיך מאַכען א נדר צו דינען דעם הייליגען ציל ווייטער פאַרצוזעצען די בויאונג פון אונזער גלאָררייכער אינטערנעשאָנעל יוניאָן!

ד ו ד ד ו ב י נ ס ק י, פּרעזידענט א.ל.ג.וו.י.

כען גרויסע פּראָפיטען. און ווען די באַלעבאַטים קענען מאַכען גרויסע פּראָפיטען ביי א קליינער פּראָדוקציע, טאָ פאַר וואָס זאָלען זיי ריזיקירען און פאַרגרעסערען זייער פּראָדוקציע? דער איינציגער וועג דעריבער איז, אז די רעגירונג זאָל שאַפען ארבייט פאַר די ארבייטסלאָזע.

און ווען די רעגירונג וועט זיך נעמען דערצו זאָל זי עס טאָן מיט א פּלאַן און אויף א גרויסען מאַסשטאַב. אָט די עפענטליכע ארביטען, וואס די רעגירונג האָט טייל־וויז ביז איצט אויפגענומען כדי צו פאַרשאַפען ארבייט פאַר די ארבייטסלאָזע, זיינען געווען אָהן א פּלאַן און בלויז יוצא צו זיין. אין די מייסטע פאַלען איז די אר־בייט געווען אָהן א טאַלק און אָהן א רעזולטאַט, נאָר אָנ־שטאָט צו געבען רעליף האָט מען עפּעס אויסגעזוכט אר־בייט. עס זיינען אָבער פאַראַן עפענטליכע ארבייטען וואָס זיינען נויטיג, וואס וועלען זיך אָנזעהן, וועלען ברייגנען נוצען פאַר דער באַפעלקערונג, וועלען שאַפען אַרבייט פאַר מיליאָנען און וועלען זיך ענדליך אויך באַצאָלען. זאָל די רעגירונג זיך נעמען באַזאָרגען מיט עלעקטריציטעט די צענדליגע מיליאָנען אמעריקאנער בירגער, וואס האָבען עס נאָך נט, זאָל זי בויען בריקען, וועגען, טונעלען, וואו מען דאַרף זיי, זאָל זי בויען הייזער פאַר די וואָס דאַר־פען זיי.

די שווערע קריזיס יאהרען, באַזונדערס דער לעצ־טער יאהר, ווען א סך זאכען זיינען אויספּראָבירט גע־ווארען דעם קריזיס צו פאַרטרייבען און האָבען איהם נים פאַרטריבען, האָבען געדארפט אויפקלערען די אמעריקאנער ארבייטער מאַסען, אז עס זיינען נויטיג ברייטע און טיפע רעפאָרמען אין לאנד וואָס קענען דורכגעפיהרט ווערען בלויז דורך דער געזעצגעבונג און אז עס איז זייער פליכט צו ווירקען מיט זייער גאנצען איינפלוס אז אזא געזעצ־געבונג זאָל געשאפען ווערען. עס איז פאַראַן א ברייטע פּראָגראם — ארבייטסלאָזען פאַרזיכערונג, אלטערס־פּענ־סיע, פאַרבאָט פון קינדער־ארבייט, א פּלאַן פון גרויסע עפענטליכע ארבייטען, א דרייסיג שטונדיגע אַרבייטס־וואָך, קאָלעקטיווע פאַרהאנדלונגען און מעהרערע אנדערע מינ־דערוויכטיגע פאָדערונגען וואס קענען העלפען באַזייטיגען דעם קריזיס און מאַכען דאָס לעבען פון די ארבייטער זי־כערער און בעסער.

און זאָלען די ארבייטער ניט בלויז האָפען, אז דאָס וועט זיין דאָס פּראָגראם פון נייעם יאהר, נאָר זיי זאָלען אויך קעמפען דערפאַר.

באַגייסטע האָפנונגען אויף א 30־שטונדי־גער ארבייטס וואָך.

סענאַטאָר בלעק האָט ער־קלערט, אז ווי דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן וועט זיך נאָר עפענען וועט ער פון דאָס ניי אריינברייגנען אין סענאַט א געזעץ־פּראָיעקט וועגען איינפיהרען א דרייסיג שטונדיגע ארבייטס־וואָך איבער גאנץ אמעריקע.

דאָס איז א גוט שטיקעל נייעס צום נייעם יאָהר. סענאַטאָר בלעק האָט אין דער צייט פון פאָריגען קאָנ־גרעס אריינגעבראכט אין סענאַט א געזעץ־פּראָיעקט ווע־גען א דרייסיג שטונדיגער ארבייטס־וואָך. אין דערזעל־ביגער צייט האָט קאָנגרעסמאַן קאָנערי אריינגעבראכט אזא געזעץ־פאָרשלאַג אין רעפּרעזענטאַנטען הויז און דער גע־זעץ־פּראָיעקט האָט דעריבער געטראָגען דעם דאָפּעלטען נאָמען — בלעק־קאָנערי און ער האָט געהאַט אלע שאַנ־סען צו ווערען א געזעץ. אין סענאַט איז ער אָנגענומען געווארען מיט א גרויסער מאַיאָריטעט און ער וואָלט אויך זיכער געקראָגען א גרויסע מאַיאָריטעט אין רעפּרעזענ־טאַנטען הויז. עס איז אָבער אין מיטען געקומען פּרע־זידענט רוזוועלט מיט זיין „ניראַ" (נעשאָנעל אינדאָס־טריעל ריקאָווערי עקט) און דער בלעק־קאָנערי געזעץ־פּראָיעקט איז געבליבען ערגעץ ליגען אין א קאָמיטע און איז דאָרטען געשטאָרבען.

פאַר די ארבייטער איז דאָס געווען א גוואַלדיגער שאָדען. א געזעץ וועגען א דרייסיג שטונדיגער ארבייטס־וואָך וואָלט געווען א פיל מער ווירקזאַמערער מיטעל געגען ארבייטסלאָזיגקייט ווי די גאנצע נ. ר. א. אין מאנכע אינדוסטריעס וואָלט די איינפיהרונג פון א דרייסיג שטונ־דיגער ארבייטס־וואָך כמעט אינגאנצען אפּגעשאפט די אר־בייטסלאָזיגקייט און אין די אנדערע — איהר באַדייר־טענד פאַרקלענערט. און אָפּשאַפען די ארבייטסלאָזיגקייט אָדער וויינינגסטענס איהר באַדייטענד פאַרקלענער'ן איז פאַר די ארבייטער די וויכטיגסטע זאַך.

איך וויל ניט פּראָבירען טרעפען ווי פּרעזידענט רוז־וועלט וועט זיך איצט פאַרהאלטען צו דעם געזעץ־פּראָ־יעקט פון סענאַטאָר בלעק. קלאָר איז עס, אז פריהער איז ער געווען געגען איהם, וואָרים אז נים וואָלט ער נים אריינגעקומען אין מיטען מיט זיין „ניראַ", נאָר ער וואָלט צוערשט געלאָזט אָפּשטימען דעם קאָנגרעס וועגען דער דרייסיג שטונדיגער ארבייטס־וואָך. עס איז גאנץ גלייך, אויב רוזוועלט האָט גערעכענט, אז דער בלעק־קאָנערי געזעץ־פּראָיעקט איז א צו ראַדיקאַלע רעפאָרמע, צי איהם האָט זיך געגלויבט, אז זיין נעשאָנעל אינדאָס־טריעל ריקאָווערי עקט וועט זיין א רפואה צו אלץ און מען דאַרף דעריבער נים קיין אנדערע רפואות, איין זאַך איז קלאָר, אז ער איז געווען געגען דעם בלעק־קאָנערי געזעץ־פּראָיעקט און ווען נים זיין געגענערשאַפט וואָלטען מיר היינט געהאט אין אמעריקע א דרייסיג שטונדיגע ארבייטס וואָך און די עקאָנאָמישע צושטענדען אין לאנד וואָלטען היינט א בעסער פּנים געהאַט. נאָר עס איז ווייט ניט זיכער, אז אויך איצט וועט פּרעזידענט רוזוועלט זיין געגען סענאַטאָר בלעק'ס געזעץ־פּראָיעקט.

סענאַטאָר בלעק האָט אין זיין ערקלערונג געזאָגט, אז ער איז זיכער, אז זיין געזעץ־פּראָיעקט וועגען א דרייסיג־שטונדיגער ארבייטס וואָך וועט אויך דאָס מאָל קריגען אין סענאַט א גרויסע מאַיאָריטעט און עס איז ביי איהם קיין צווייפעל נים, אז אויך אין רעפּרעזענטאַנטען הויז וועט א גרויסע מאַיאָריטעט שטימען פאַר איהם. רוזוועלט קען איצט נים זאגען, אז זיין ריקאָווערי עקט איז א רפואה פאַר אלץ און מען דאַרף דעריבער נים קיין אנ־דערע רפואות. ער ווייס שוין איצט, אז זיין רפואה פאַר אלץ איז געווען ווייט נים אזוי ווירקזאַם, ווי ער האָט געהאָפט. ווען דער נייער קאָנגרעס וועט זיך עפּע־נען וועט נאָך אלץ זיין אין לאנד איבער צעהן מיליאָן ארבייטסלאָזע און אויף די אונטערשטיצונגס ליסטען וועל־לען זיין ארום צוואנציג מיליאָן נעמען. און אויב רוז־וועלט וועט ניט קומען צום נייעם קאָנגרעס עפּעס מיט א נייער רפואה, וואס זאָל אָרויסרופען גלויבען אין איהר ווירקונג, וועט ער זיך פיהלען געצוואונגען צו געבען זיין הסכמה אויף סענאַטאָר בלעק'ס געזעץ־פּראָיעקט.

מען קען דעריבער זאגען, אז די האָפנונגען אויף א דרייסיג שטונדיגער ארבייטס וואָך זיינען איצט באַדייטענד שטאַרקער געווארען. אָבער מען דאַרף דאָך נים פאַרגעסען, אז דער געזעץ־פּראַיעקט קען אין קאָנגרעס אזוי „אויסגע־בעסערט" ווערען, אז ער זאָל פאַרלירען א גאנץ גרויסען טייל פון זיין ווערט. די אמעריקאנער אָרגאַניזירטע אר־בייטערשאַפט וועט דעריבער דאַרפען שטעהן אויף דער וואך און היטען, אז דער געזעץ־פּראָיעקט וועגען א דרייסיג־שטונדיגער ארבייטס־וואָך זאָל נים פאַרקריפּעלט ווערען.

די וואַהלען ביי די קלאָוקמאַכער.

די לעצטע וואַהלען אין די לאָקאַלס פון דער קלאָוק מאַכער יוניאָן האָבען ווידער א מאָל באַוויזען, אז דער פונדאַמענט פון אונזער יוניאָן איז א געזונטער און אז די קאָנסטרוקטיווע עלעמענטען פון דער יוניאָן האָבען דעם פולשטענדיגען קאָנטראָל.

די קאָמוניסטען האָבען דאָס מאָל זיך ארומגעטראָגען מיט גרויסע האָפנונגען, אז די וואַהלען וועלען ווייזען, אז זייער איינפלוס צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאָן איז געוואַקסען. זיי האָבען זייערע האָפנונגען באַגרינדעט אויף דעם לעצטען שלעכטען סעזאָן. זיי ווייסען פון זייער אל־טער ערפאַהרונג, אז אין מוטנע וואַסער איז לייכטער צו כאַפּען פיש. זיי ווייסען, אז ווען עס איז דעם קלאָוק מאַ־כער שלעכט אויפ'ן הארצען איז איהם לייכטער אויפצו־רייצען און איהם מאַכען פאַר א פיינד פון זיין יוניאָן. מען דאַרף איהם בלויז זאגען, אז אין אלע זיינע צרות איז שולדיג די יוניאָן און ער וועט גלויבען. און דאַרף מען א גרעסערע צרה ווי ארומגעהן אָהן ארבייט?

און דאָך נים קוקענדיג אויף דעם, וואס די קאָמו־ניסטען האָבען געהאַט אזא גינסטיגע געלעגענהייט פאַר זיך

גערעכטיגקייט

GERECHTIGKEIT
A LABOR JOURNAL
Published every month by the
International Ladies' Garment Workers' Union

Office of Publication:
76 Montgomery St., Jersey City, N. J.
General Office:
3 West 16th St., N. Y. C. Tel. CHelsea 3-2148

DAVID DUBINSKY, *President*
and General Secretary-Treasurer
DR. B. HOFFMAN, *Editor*

Subscription price, paid in advance, $1.00 per year.

Vol. XVII. No. 1. [redacted] 200 January, 1935

Entered as Second Class matter, August 7, 1923 at Post Office at Jersey City, N. J., under the Act of August 4, 1912. Accepted for mailing at special rate of postage, provided for in Section 1103, Act of Oct. 3, 1917, authorized on Jan. 26, 1919

צום נייעם יאהר.

א נייער יאהר און נייע האפנונגען. מענשען האפען כסדר אויף בעסער, זיי מוזען האפען, נאר מיט האפען אליין דארף מען ניט אפקומען, מען דארף מאכען אנשטרענגונגען, אז די האפנונגען זאלען פארווירקליכט ווערען.

מען האט געליינט א סך האפנונגען אויף דעם יאהר 1934. א סך האבען געהאפט, אז ער וועט זיין דער לעצטער יאהר פון דעם לאנגען שווערען קריזיס. עס זיינען געווען אפילו אזעלכע, וואס האבען אנגעפאנגען גלויבען, אז די האפנונג ווערט פארווירקליכט. דאס זיינען געוועהנליך געווען די, ביי וועמען די פראפיטען האבען אנגעפאנגען וואקסען און עס האט אויף זיי פון דאס ניי א נאס געטאן א גאלדענער רעגען.

לוידער זיינען די האפנונגען וועגען דעם סוף פון שווערען לאנגען קריזיס ניט פארווירקליכט געווארען. דער יאהר 1934 וועט אין דער אמעריקאנער געשיכטע פארשריבען ווערען ניט מיט קיין רויזע קאלירען. ער וועט פארשריבען ווערען צווישען די שווערע, ביטערע יאהרען, וואס דאס אמעריקאנער פאלק האט איבערגעלעבט, זינט דער איצטיגער שווערער קריזיס האט אויסגעבראכען.

געווען טאקע, אמת, אויך אזעלכע, פאר וועמען דער פארגאנגענער יאהר איז געווען א ביסעל לייכטער, ווייניגסטענס זיין ערשטע העלפט. צווישען זיי זיינען אויך געווען די קלאוקמאכער און די דרעס מאכער. אבער עס האט זיך אין מיטען אפגעבראכען. די אלגעמיינע ארבייטסלאזיגקייט אין לאנד, וואס איז אויך געבליבען אזוי גרויס אין פאריגען יאהר, האט אויך ניט אויסגעלאזען די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנעל. די קלאוק מאכער האבען אין דעם לעצטען האלבען יאהר פון 1934 באזונדערס שטארק געליטען פון ארבייטסלאזיגקייט.

נאר מיר גלויבען, אז פון דעם יאהר 1934 האבען די ארבייטער עפעס געלערענט. מיר גלויבען, אז זיי האבען ענדליך אנגעפאנגען פארשטעהן, אז עס דארפען געמאכט ווערען גאנץ ברייטע און טיפע עקאנאמישע רעפארמען אין לאנד, אז דער קריזיס זאל באזייטיגט ווערען.

מען קען ניט זאגען, אז די רוזוועלט אדמיניסטראציע איז געזעסען מיט פארלייגטע הענד און האט גארנישט געטאן קעגען דעם קריזיס, ווי דאס איז געווען דער פאל מיט דער הואווער־אדמיניסטראציע, וועלכע האט געלאזען אלץ אויף נאטס באראט. די רוזוועלט אדמיניסטראציע האט אויסגעגעבען גאנץ גרויסע סומען געלד צו באקעמפען דעם קריזיס, זי האט איינגעפירט די נ. ר. א., די קאודס, די פארקירצונג פון ארבייטס־צייט א. אז. וו. און עס וואלט איינפאך געווען אן אומרעכט צו זאגען, אז דאס אלץ האט גארנישט אויפגעטאן און גארנישט געהאלפען. דאס וואלט געמיינט, אז מיר לייקענען אפ די וויכטיגקייט פון סאציאלער געזעצגעבונג. עס וואלט איינפאך געווען דער העכסטער אומזין, למשל, צו באהויפטען, אז די טשטונדיגע ארבייטס־וואך, וואס האט אין דער קלאוק־אינדוסטריע דורך דעם קאוד געקראגען א געזעצליכע מאכט, האט קיין ווערט ניט. און עס וואלט געווען ניט ווייניגער אומזין צו זאגען, אז די גרויסע סומען וואס ווערען אויסגעגעבען פון דער רעגירונג פאר שטיצע צו די ארבייטסלאזע העלפט זיי גארנישט. האבען מיר דאך געפאדערט פון דער רעגירונג שטיצע פאר זיי. האבען מיר דאך געפאדערט, אז דער קאנגרעס זאל באוויליגען גרויסע סומען געלד פאר רעליף. און אויב מען זאל זאגען, אז דאס העלפט גארנישט, אז עס מאכט ניט אביסעל לייכטער, וואלט עס דאך געווען ניט ערליך פון אונז אזוינס צו פאדערען.

מיר ווילען בעסער זאגען, אז די אנשטרענגונגען, וואס די רוזוועלט אדמיניסטראציע האט געמאכט צו באקעמפען דעם קריזיס זיינען ניט קיין גענוגענדע און די מיטלען, וואס זי האט אנגענומען, זיינען צום גרעסטען טייל ניט די ריכטיגע.

***

מיר וויסען היינט אלע, אז פון דער נ. ר. א. האבען די באלעבאטים א סך מער געוואונען ווי די ארבייטער. אין א סך פאלען האבען די ארבייטער ניט נאר ניט געוואונען, נאר אויך פארלארען. דאס איז דער פאל אין די אינדוסטריעס, וועלכע זיינען ניט ארגאניזירט אדער שוואך ארגאניזירט. אין זיי האבען דורך דער נ. ר. א. עפעס יא געוואונען בלויז די גאנץ שלעכט באצאלטע ארבייטער. מען האט זיי געמוזט אנפאנגען גלייך צאלען דעם געפאדערטען מינימום, אבער עס האבען פארלוירען אויף דעם רעכנונג די בעסער באצאלטע ארבייטער. אדער זיי זיינען אין גאנצען אפגעזאגט געווארען פון דער ארבייט, אדער זיי זיינען געצוואונגען געווען אפצולאזען פון זייערע פריהערדיגע ווידזשעס. די נ. ר. א. האט זיך, אמת, געדארפט פאר זיי אננעמען, אבער זי האט זיך ניט אנגענומען. געוואונען פון דער נ. ר. א. האבען נאר די ארבייטער, וואס זיינען געווען גוט ארגאניזירט. ליידער איז די צאל גוט ארגאניזירטע ארבייטער אין אמעריקע נאך א גאנץ קליינע. די מייסטע גרויסע און רייכע אינדוסטריען זיינען נאך ניט ארגאניזירט.

מיר וויסען, אז די ארבייטס־צייט איז ווייט ניט גענוג פארקירצט געווארען לויט דער גרויסער צאל ארבייטסלאזע וואס זיינען פאראן אין לאנד. די עקאנאמישע צושטאנדען אין לאנד קענען ניט ווערען נארמאל ווי לאנג צעהן אדער עלף מיליאן מענשען געהען ארום אהן ארבייט. און ווען אזא ריזיגע צאל איז ארבייטסלאז מוז שוין דער ארבייטסלוין אפילו פון די, וואס ארבייטען זיין א נעדריקטער. באזונדערס איז דאס דער פאל אין די אינדוסטריעס, וואו די ארבייטער זיינען ניט ארגאניזירט.

געוויס פאדערען מיר שטיצע פאר די ארבייטסלאזע, אבער מיר וויסען דאך, אז דער קריזיס קען ניט באזייטיגט ווערען דורך די שטיצע, וואס די ארבייטסלאזע קריגען. דער קריזיס וועט אפגעשאפט ווערען, ווען עס וועט פאר די מיליאנען ארבייטסלאזע געשאפען ווערען ארבייט.

***

פון די אלע מוסר רייד צו די באלעבאטים, אז זיי זאלען פארגרעסערען זייער פראדוקציע, כדי די ארבייטסלאזע זאלען קריגען ארבייט, וועט גארנישט ארויסקומען. די נ. ר. א. האט געשאפען פאר די באלעבאטים א לאגע, אז זיי קענען מאכען גרויסע פראפיטען ביי א פארקלענערטער פראדוקציע. אלע באריכטען פון די פארשידענע אינדוסטריעס אין אמעריקע פאר'ן לעצטען יאהר דערצעהלען, אז די פראפיטען פון די אונטערנעמער זיינען געווען זעהר גרויסע. דאס איז נאטירליך. די נ. ר. א. האט אפגעשאפט די קאנקורענציע צווישען די אונטערנעמער און האט זיי געגעבען די בעסטע געלעגענהייט צו מא־

רעדעס, וואס מען הערט איצט פון די אמעריקאנער פראפעסארען און פון די ארטיקלען, וואס זיי שרייבען, באמערקט מען א גוואלטיגע ענדערונג אין דער אמעריקאנער אינטעלעקטועלער וועלט. א גאנץ גרויסע צאל פון די איצטיגע אמעריקאנער פראפעסארען זיינען ראדיקאלע מענשען און זיי האבען דעם מוט ארויסצוזאגען זייערע ראדיקאלע מיינונגען.

עס זיינען איצט פאראן גאנץ ווייניג געלערנטע אין אמעריקע, וואס זאלען פארטיידיגען די קאפיטאליסטישע סיסטעם ווי זי איז איצט. איך האב פריהער באמערקט, אז פון די אלע רעדנער אויף דער פארזאמלונג פון דעם אמעריקאנער פילאזאפישען פאראיין, האט בלויז איין פראפעסאר פארטיידיגט די איצטיגע קאפיטאליסטישע סיסטעם. איך מיין דערמיט ניט צו זאגען, אז די מייסטע אמעריקאנער פראפעסארען זיינען פאר סאציאליזם. זייער צאל איז, אמת, איצט גאנץ גרויס, אבער ניט אלע, וואס טרעטען ארויס נעגען דער איצטיגער קאפיטאליסטישער סיסטעם זיינען סאציאליסטען. מעהרערע פון זיי ווילען בלויז רעפארמען. זיי ווילען, אז די איצטיגע מאכט פון קאפיטאליזם זאל באדייטענד באשרענקט ווערען, אז די קאנטראל פון דער רעגירונג איבער דער אינדוסטריע און איבער דער עקאנאמישער ווירטשאפט אין אלגעמיין זאל פארגרעסערט ווערען, אז די פארטיילונג פון רייכטום זאל זיין א גערעכטערע, אז די פרייהייט פון קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע זאל באשרענקט ווערען א. אז. וו. אבער אויב עס איז פאראן א גרויסער אונטערשיד ווי ווייט עס געהט דער ראדיקאליזם פון איין פראפעסאר צי פון א צווייטען, זיינען אבער דאך די מייסטע פון זיי געגנער פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעם אין איהר איצטיגער פארם און אפילו די מעהרסטע פון זיי פארלאנגען גרויסע רעפארמען.

די אמעריקאנער אינטעליגענץ איז איצט אין אלגעמיין ראדיקאל געשטימט, די סאציאליסטישע אידייע איז ביי זיי גאנץ פאפולער. דער בעסטער באווייז פאר דעם זיינען די בעסערע אמעריקאנער זשורנאלען, וועלכע זיינען מיט גאנץ ווייניג אויסנאמען פריינדליך צום סאציאליזם. און ווען די אמעריקאנער אינטעליגענץ ווערט סאציאליסטיש ווערט זיך ענדליך דער סאציאליזם שוין אויך זיך מוזען צוקלעפען צו די אמעריקאנער ארבייטער.

* * *

אויף דעם יעהרליכען קאנגרעס פון דעם אמעריקאנער פאראיין פאר דעם פארטשריט פון וויסענשאפט, וואס איז די טעג אפגעהאלטען געווארען אין שיקאגא, איז אויסגעשטעלט געווארען א קאך־אפאראט, וואס ווערט געהייצט מיט די שטראלען פון דער זון. אין צוואנציג מינוטען צייט ווערט דער אפאראט אזוי אנגעהיצט פון דער זון, אז זיין טעמפעראטור דערגרייכט 400 גראד פארנהייט (אויפצוקאכען וואסער איז נויטיג בלויז אן ערך 200 גראד פארנהייט).

דאס איז זעהר א וויכטיגע ערפינדונג, ווענען וועלכער ארבייטער דארפען זיך פארטראכטען. עס מיינט, אז עס איז געמאכט געווארען דער ערשטער ערפאלגרייכער שריט איינצושפאנען די היץ פון דער זון צו הייצען א מאשין.

פאר דעם איצטיגען מאמענט האט די ערפינדונג נאך ניט קיין פראקטישע באדייטונג. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די זונען שטראלען באקומט מען פריי און מען דארף פאר זיי גארנישט צאלען, וועט מען דאך פארלויפיג זיך נאך אלץ באנוצען פאר די צוועקען פון קאכען מיט קוילען, גאז אדער עלעקטריציטעט. דער זונען־קאך־אפאראט, וואס איז געוויזען געווארען אין שיקאגא קאסט נאך צו טייער צו מאכען, אז מען זאל איהם קענען געברויכען פאר פראקטישע צוועקען. אבער עס איז וויכטיג, אז עס איז געפונען געווארען א וועג ווי איינצושפאנען די היץ פון דער זון, אז זי זאל קענען באנוצט ווערען פאר באהייצונגס־צוועקען. היינט וועט עס נאך קאסטען צופיל אויפצוקאכען מיט דער היץ פון דער זון וואסער אין א קעסעל און עס פארוואנדלען אין דאמף צו באטרייבען א מאשין, אבער דאס וועט אפשר קענען געטאן ווערען אין דער גאנץ נאהענטער צוקונפט. און אויב דאס וועט קענען געטאן ווערען — און מען דארף רעכענען, אז גיכער יא ווי ניט — וועט מען דארפען גראבען א סך ווייניגער קוילען ווי היינט, מען וועט דארפען נוצען א סך ווייניגער אויל ווי היינט און דאס מיינט אויך, אז מען וועט דארפען האבען א סך ווייניגער ארבייטער ווי היינט. מען וועט אויך דארפען האבען ווייניגער ארבייטער צו באדינען די מאשינען, ווייניגסטענס וועט מען ניט דארפען קיין הייצער, און דערמיט ענדיגט זיך נאך ניט. אויב מען זאל ווירקליך קענען איינשפאנען די זונען־שטראלען פאר אינדוסטריע צוועקען וועט דאס פיהרען צו אן אלגעמיינער גרויסער ענדערונג אין דער טעכניק און עס וועט פיהרען צו אן אלגעמיינער באשרענקונג פון מענשליכער ארבייטס־קראפט.

דאס ברייננט ווידער א מאל צום געדאנק, אז די מיטלען פון פראדוקציע טארען ניט בלייבען קיין פריוואט אייגענטום, נאר מוזען סאציאליזירט ווערען. ווי לאנג די מיטלען פון פראדוקציע בלייבען פריוואטער אייגענטום מוז יעדע גרויסע וויכטיגע ערפינדונג זיך פארוואנדלען אין אן אומגליק פאר די ארבייטער. זי ווארפט זיי ארויס אין נאס און מאכט זיי ברויטלאז. דיזעלבינע ערפינדונג קען אבער זיין א גליק פאר די ארבייטער, ווען זי וועט זיין סאציאליזירט. די ארבייטער וועלען ארבייטען לייכטער און קירצערע שטונדען.

* * *

ברודער ל. הערש, א מיטגליד פון דער קלאוק מאכער יוניאן, האט מיר צוגעשיקט דאס פאלגענדע בריוועל:

צו דר. ב. האפמאן (צביון).

חשוב'ער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט".

א גרופע קלאוק מאכער האבען דיסקוטירט די פראגע וואס עס דארפען זיין די קוואליפיקאציעס פון אן עקזעקוטיוו מיטגליד פון א לאקאל, פון א ביזנעס אגענט און פון א מענעדזשער. די דיסקוסיע איז געווען א לאנגע, אבער עס איז פון איהר גארנישט ארויסגעקומען, ווייל די מיינונגען זיינען געווען צו שטארק פארשידען. עס איז דעריבער באשלאסען געווארען זיך צו ווענדען צו אייך, אז איהר זאלט געבען אן ענטפער.

איך וואונדער זיך ניט, וואס די ברידער קלאוק מאכער האבען אזוי לאנג דיסקוטירט און גארנישט אויסדיסקוטירט. זיי האבען גענומען צופיל אויף איין מאל: עקזעקוטיוו מיטגלידער, ביזנעס אגענטען און מענעדזשערס. זיי וואלטען אפשר גיכער זיך צונויפגערעדט און געקומען צו א טאלק, ווען זיי וואלטען צוטיילט זייער דיסקוסיע אין דריי באזונדערע טיילען: איין דיסקוסיע פאר עקזעקוטיוו מיטגלידער, א צווייטע פאר ביזנעס אגענטען און א דריטע פאר מענעדזשערס. און כדי צו געבען א גוטען ביישפיל וועל איך עס אליין טאן, איך וועל דא בלויז ענטפערען, וואס עס דארפען זיין, לויט מיין מיינונג, די קוואליפיקאציעס פון ביזנעס אגענטען, ווייל גראד בין איך ניט לאנג צוריק געווען דערביי ווי מען האט עקזאמינירט קאנדידאטען פאר ביזנעס אגענטען פון דער קלאוק מאכער יוניאן און איך האב געטראכט וואס מען דארף פאדערען פון איינעם, וואס וויל ווערען א ביזנעס אגענט.

עס איז ניט נויטיג צו זאגען, אז א קאנדידאט פאר א ביזנעס אגענט דארף זיין א טרייער, איבערגעגעבענער יוניאן מאן, אבער איך וואלט דערביי צוגעבען, אז ער דארף זיין אזעלכער, וואס האט ארויסגעוויזען אן אינטערעס אין דער טרייד יוניאן באוועגונג און אין דער ארבייט באוועגונג אין אלגעמיין.

א ביזנעס אגענט פון אזא גרויסער יוניאן ווי אונזערע דארף זיין אן אינטעליגענטער ארבייטער, וואס דארף וויסען און פארשטעהן ניט בלויז די פראגען, פראבלעמען און צושטענדען פון זיין אייגענער יוניאן, נאר ער דארף אויך וויסען וואס עס טוט זיך אין דער ארבייטער באוועגונג אין אלגעמיין.

א ביזנעס אגענט פון דער קלאוק מאכער יוניאן, למשל, דארף ניט בלויז וויסען אלץ וואס עס טוט זיך

פון צייט צו צייט

פון צביון.

איך ווייס פון מיין ערפאהרונג, אז גוטע וואונשען קאָסטען גאָר נישט און זיי זיינען דעריבער גאר נישט ווערט. זיי ענדערען קיין זאך ניט. דעריבער ווינשעוועט מען אזוי פיל צום נייעם יאהר. מען זשאַלעוועט ניט צו ווינשען יעדען איינעם און אלעמען א גליקליכען נייעם יאהר. און ווער ווייס אין אלגעמיין וואס דאָס מיינט א גליקליכער נייער יאהר? איך ווייס וואס עס מיינט א זאַטער יאהר, א געזונטער יאהר, אבער ווער קען וויסען וואָס עס מיינט גליקליך? גליק איז אן אומבאַשטימטע זאַך.

אָבער איך האָב דאָ ניט בדעה אריינצוגעהן אין דער פילאָזאָפיע וואס עס איז גליק און ווי אזוי מענשען קענען גליקליך זיין. איך מיין בלויז צו זאגען, אז ווען גוטע ווינשעוואניעס וואלטען עפּעס געהאט א ווערט וואָלט דאָס לעבען געהאט א סך א בעסערען פּנים, ווייניגסטענס וואָלט שוין דער איצטיגער שווערער, ביטערער קריזיס געווען לאנג פאַריבער. ריכטיגער, ער וואָלט גאָר ניט געקומען.

נאָר דער פאקט איז, אז מענשען פיהלען זיך בעסער, ווען מען גיט זיי א גוטען וואונש. מענשען זיינען טשי־קאווע באַשעפענישען. מען קען זיי גאנץ אָפּט אונטערקוי־פען מיט א גוט וואָרט. און די באַלעבאַטים פון דער וועלט נוצען טאַקע אויס אָט די מענשליכע שוואַכקייט. זיי גיבען די מענשען גוטע ווערטער אנשטאָט גוטע טאַ־טען און גוטע וואונשען אַנשטאָט ממשות'דיגע זאכען.

* * *

מען זאָגט אונז צו א סך גוטע זאכען פאר'ן נייעם יאהר, מען זאָגט אונז אפילו צו א סוף פון דעם קריזיס. און ווען מען הערט זיי, ווערט עס גאנץ פרעהליך אויפ'ן הארצען, אָבער עס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען האָט אונז צוגעזאָגט גוטע זאכען. פון דער ער־פארונג ווייסען מיר, אז בלויז ווען מען זאָגט צו אויף זומער וואַרים און אויף ווינטער קעלט קען מען האָפען, אז עס וועט פאַרווירקליכט ווערען.

איך מיין דערמיט ניט צו זאגען, אז די אלע גוטע פאַרשפּרעכונגען און פאַרזיכערונגען זיינען ניט אויפריכ־טיג, אָדער פאר דעם צוועק אימעצען אָפּצונאַרען. איך גלויב פיל מעהר, אז די רעגירער אין וואַשינגטאָן ווילען מיט'ן גאנצען הארצען, אז עס זאָל נעמען א סוף צום קריזיס. זיי וואָלטען דאָך נעמען דעם גאנצען קרעדיט פאר זיך, זיי וואָלטען דאָך זאָגען, אז דאָס האָבען זיי מיט זייער חכמה, מיט זייערע באַמיאונגען און אַנשטרענ־גונגען פאַרטריבען דעם קריזיס פון אמעריקע. און די גרויסע מאַיאָריטעט פון אמעריקאנער פאָלק וואָלט געזאָגט, אז עס איז אזוי. רוזוועלט וואָלט פאַרשריבען געוואָרען פאר דעם גרעסטען פּרעזידענט אין דער אמעריקאנער גע־שיכטע און זיין אדמיניסטראַציע פאר די פעהיגסטע און די קלוגסטע. טאָ פאר וואָס זאָל רוזוועלט און זיינע געהיל־פען ניט זיין אויפריכטיג אין זייערע באַשטרעבונגען צו־ריקצובריינגען די פּראָספּעריטי אין אמעריקע. די פראגע איז אָבער, קענען זיי עס? זיינען די מיטלען, וואס זיי נעמען אָן, די ריכטיגע, קענען זיי האָבען די געווינשטע ווירקונג?

* * *

ערב ניי־יאהר איז אין ניו יארק אָפּגעהאַלטען געוואָ־רען א גרויסע פאַרזאַמלונג פון פּראָפעסאָרען אויף וועל־כער עס זיינען געווען איינעגע פון די אמעריקאנער באַ־רימטהייטען. די פאַרזאַמלונג איז געווען פאר'ן צוועק זיך דורכצורייִדען וועגען דעם איצטיגען עקאָנאָמישען צושטאַנד אין אמעריקע און דאָס בילד, וואס די רעדנער האָבען גע־מאָלען אין זייערע רעדעס איז געווען גאר ניט קיין פרעה־ליכעס. כמעט אלע רעדנער, מיט איין אויסנאַם, זיינען געווען איינפאַרשטאַנען, הגם פון פאַרשידענע שטאַנדפּונק־טען, אז אונזער איצטיגע עקאָנאָמישע סיסטעם מוז גאנץ גרינדליך איבערגעמאַכט ווערען, ווייל אין איהר איצטיגען צושטאַנד קען זי ניט געבען קיין ענטפער אויף די וויכ־טיגע פראגען, וואס שטעהען פאר איהר. עס מוזען גע־מאַכט ווערען גאנץ ראַדיקאַלע ענדערונגען, אז דאָס לאַנד זאָל קענען ארויסקומען פון דעם איצטיגען שווערען קרי־זיס.

נאָר די פּראָפעסאָרען פאַרזאַמלונג אין ניו יארק איז געווען הויפּטזעכליך א פילאָזאָפישע. עס איז געווען א צוזאַמענקונפט פון דעם אמעריקאנער פילאָזאָפישען פאַר־איין. אימעצער קען זאָגען, אז אויף פילאָזאָפען קען מען זיך אין אזעלכע פראגען ניט פאַרלאָזען. איז אָבער אין דערזעלביגער צייט אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין שי־קאַגאָ א פאַרזאַמלונג פון אמעריקאנער פּראָפעסאָרען פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און אויך פון זיי האָט מען קיין פרעהליכע ווערטער ניט געהערט.

די פּראָפעסאָרען פון דעם באַקאַנטען ברוקינגס אינ־סטיטוט אין וואשינגטאָן, וועלכע האָבען געמאַכט א ספּע־ציעלע אונטערזוכונג וועגען דער ווירקונג פון דער נ. ר. א. צו באַזייטיגען דעם קריזיס, זיינען געקומען צום באַשלוס, אז דורך דער נ. ר. א. קען די פּראָספּעריטי ניט צוריק־געבּראַכט ווערען אין אמעריקע. מעהרערע פון די פּראָ־פעסאָרען, וואס האָבען אנטייל גענומען אין די דיסקוסיעס אויף דער פאַרזאַמלונג האָבען אויסגעדריקט זייער מיינונג, אז די הויפּט־צרה פון דעם איצטיגען קריזיס ליגט אין דעם וואָרצעל פון דער איצטיגער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם און די אלע מיטלען וואס ווערען געברויכט, ניט ענדערענדיג די סיסטעם, קענען דעריבער ניט העלפען.

די אונטערשטע שורה איז, אז וואס איז שייך צו די פּראָפעסאָרען האָבען זיי אונז קיין פרעהליכעס ניט געזונגען ביים אנקומען פון דעם נייעם יאהר.

* * *

נאָר אין די טרויעריגע ניגונים פון די אמעריקאנער פּראָפעסאָרען איז דאָך פאַראַן עטוואס פרעהליכעס. פון די

צו העצען די קלאַוק מאכער געגען זייער יוניאָן, האָבען זיי דאָך זיך אָפּגענאַרט אין זייערע האָפנונגען. זיי זיינען ביי די וואהלען דורכגעפאַלען אין אלע לאָקאַלס.

און די קאָמוניסטען קענען זיך אפילו ניט באַקלאָגען, אז מען האָט זיי ניט געגעבען גענוג דעמאָקראַטיע און גע־נוג פרייהייט צו אגיטיר'ען און צו שטימען פאר זייערע קאנדידאַטען. דער פאקט איז, אז די קאָמוניסטען אליין קענען נישט אָנווייזען עפּעס באַשטימטעס, אז די וואהלען זיינען ניט געווען עהרליך גענוג. עס פאַרשטעהט זיך, אז אלגעמיינע באַהויפּטונגען וועגען דער אונערליכקייט פון די וואהלען האָבען די קאָמוניסטען אויך דאָס מאָל געמאַכט. אָבער אָט די געוועהנליכע אלגעמיינע באַהויפּטונגען נעמען דאָך אפילו די קאָמוניסטען אליין ניט ערנסט. יעדע וואה־לען, אין וועלכע די קאָמוניסטען פאַלען דורך ווערען פון זיי ערקלערט פאַר ניט ערליכע. ווען אָבער די קאָמוניסטען קענען ניט אָנווייזען עפּעס געגויי און באַשטימט אין וואס די אונערליכקייט האָט זיך אויסגעדריקט, איז עס דער בעס־טער באַווייז, אז זיי אליין גיבען צו, אז די וואהלען זיי־נען געווען דעמאָקראַטיש און ערליך און אז זייער דורכ־פאַל איז געקומען בלויז פון דעם, וואס די גרויסע מאַיאָ־ריטעט קלאָוק מאכער זיינען געגען זיי.

און איצט וועט מען זיך ענדליך קענען פאר צוויי יאהר צייט אָפּרוהען פון וואהלען. אלע בעאַמטע זיינען געוועהלט געוואָרען פאר צוויי יאהר צייט און די יוניאָנס וועלען ניט נאָר פאַרשפּאָרען באַדייטענדע סומען געלד, וואס די וואהלען וועלען איצט פאָרקומען איין מאָל אין צוויי יאהר אנשטאָט אלע יאהר, וועלען זיי זיך אויך קע־נען בעסער אָפּגעבען מיט מעהר קאָנסטרוקטיווע ארבייט. עס וועט זיין פולשטענדיג גענוג, ווען א וואהל־קאַמף וועט פאָרקומען איין מאָל אין צוויי יאהר.

דאָס אַלטע יאָהר און דאָס נייע יאָהר

פון ש. יאַנאָווסקי

וועדליג ווי מיר זעהט אויס, איז דער גאָר־וואָס פאַרגאַנגענער יאָהר געווען ניט ערגער פון אַלע יאָהרען, וועלכע מיר האָבען געהאַט פאַר איהם, און אפשר נאָך אַ האָרעלע בעסער.

איך וועל ניט לייקענען, אַז אַט דער געפיהל איז אפשר מעהר אָדער ווייניגער אַ ריין־פּערזענליכער. וואָרים עס איז געווען אין 1934, ווען דער שרייבער פון די שורות האָט געקראָגען גאָר אַ גרויסע אַנערקענונג פאַר זיין לעבענס־אַרבייט, פון אונזער אַרבייטער־באַוועגונג בפרט און פון אונזער גאַנצער פאָרטגעשריטענער וועלטעל בכלל. עס איז גרייליך מעגליך, אַז די אַנערקענונג איז געווען שוין אַביסעל צו גרויס, מעהר וויפיל עס האָט געקומט דעם בעל־יובל, און דערפאַר זעהט ער אַלץ דורך אַזעלכע ראָזעווע ברילען אין דעם פאַרשטאָרבענעם יאָהר. פונדעסטוועגען דענק איך, אַז דער יאָהר 1934 האָט דאָך פילעס, פאַר וואָס מען זאָל איהם לכל הפּחות ניט דאַרפען שעלטען, אויב ניט בענטשען.

אודאי וועט איהר מיר באַלד אַנווייזען אויף די צעהן מיליאָן אַרבייטסלאָזע און אויף די מיליאָנען, וועלכע האָבען געמוזט אַנקומען צו בעטעל־ברויט. קאָן אָבער און זאָל עס געזאָגט ווערען צו דער פאַרטיידיגונג פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר, אַז אַט די מיליאָנען אַרבייטסלאָזע און נויט־לײַדענדע האָט ער דאָך גע'ירשנ'ט פון די פריהערינגע יאָהרען, און עס וועט ניט זיין „פעיר" ארויפצואַוואַרפען די שולד פון אַלע זיינע פאַרגענגער אויף איהם.

אחוץ דעם, צי איהר ווילט צי ניט, פון די מיליאָנען אַרבייטסלאָזע און נויט־לײַדענדע וועט איהר ניט אַזוי גיך פּטור ווערען. אפשר וועט עס געראָטען אין די קומענדיגע יאָהרען צו פאַרמינדערען די צאָהל פון די אַרבייטסלאָזע דורך אַ באַדייטענדער פאַרקלענערונג פון די אַרבייטס־שטונדען, וועט עס אָבער אויף לאַנג ניט אָנהאַלטען, צוליב דעם וועט אונזער גאַנצער שטייגער פון לעבען מוזען געענדערט ווערען, דער סיסטעם פון פּראָפיט וועט מוזען געהן. פאָלגליך קען מען ניט דעם יאָהר און ניט די קומענדיגע יאָהרען באַשולדיגען אין עטוואָס, וואָס איז לגמרי ניט זייער שולד.

אין אַלגעמיין דענק איך, אַז עס איז איבערהויפּט גאָרניט ריכטיג צו באַשולדיגען אַ געוויסען יאָהר, אַ געוויסע 365 טעג, אין דאָס גוטע אָדער אין דאָס שלעכטע, וואָס האָט פּאַסירט. דאָס מיינט, נאָך מיין מיינונג, פון זיך אַראָפּוואַרפען די גאַנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט און אַרויפוואַרפען די שולד אויף עטוואָס אַנדערעס.

דאָס איז ווידער ניט „פעיר".

איהר מיינט אודאי, אַז דאָס יאָהר 1934 איז געווען גאָרניט אַזוי שלעכט פאַר די קאַפּיטאַליסטען, אָבער דערפאַר איז ער געווען אַ רשע צו די אַרבייטער. מוז איך דאָ ווידער פאַרטיידיגען דאָס פאַרגאַנגענע יאָהר. ער איז געווען גאָרניט אַזוי שלעכט צו אַ ל ע אַרבייטער, און גאָרניט אַזוי גוט צו אַלע קאַפּיטאַליסטען. אַט נעמט טאַקע אַלס אַ ביישפּיל אונזער אינטערנעשאָנאַל — די צוויי הונדערט טויזענט קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער און אַנדערע מאַכער, וועלכע שטעלען צוזאַמען אַט די אינטערנעשאָנאַל — און איך בין זיכער, דאָס זי האָט זיך זיכער ניט צו באַקלאָגען אויף דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר. אמת, דאָס טעלערעל פון הימעל פאַר איהר מעמבערשיפּ האָט זי נאָך ניט געקראָגען. יאָ, איך ווייס, אַז ניט. נאָר דאָס טעלערעל פון הימעל האָט זי נאָך ניט געקראָגען, נאָר אפילו גאַנץ נויטווענדיגע זאַכען דאַרף זי נאָך ערשט קריגען. איך ווייס, אַז אויך אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר האָט אונזער גאַנצע מעמבערשיפּ גענוג זיך אַנגעליטען פון סלעק און אַנדערע שלעק. אָבער דאָך, ווי ווייט בעסער איז אונזער אינטערנעשאָנאַל אין פאַרגלייך מיט פילע אַנדערע אַרבייטער!

איז עס דאָך קלאָר, אַז ניט אין אַלץ איז דאָס יאָהר שולדיג. אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען קלוג גענוג צו אָרגאַניזירען זיך אין מעכטיגע יוניאָנס, זיינען אָהן דעם מינדעסטען צווייפעל בעסער אָפּ, ווי די אַרבייטער, וועלכע האָבען אָט די איידעלע זאַך, אַ ביסעלע שכל, ניט געהאַט. איך פרעג אייך אין דער אמת'ן, מיט וואָס איז דער פאַרגאַנגענער יאָהר שולדיג, וואָס אַזוי פיל צעהנדליגע טויזענדע און אפשר הונדערטע טויזענדע אַרבייטער, אַנשטאָט זיך צו אָרגאַניזירען אין זייערע אייגענע יוניאָנס, וועלכע זאָלען זיין זייערע פעסטונגען, זיינען געווען אידיאָטיש גענוג צו לאָזען זייערע באַלעבאַטים בויען פאַר זיי יוניאָנס, וועלכע געהען אונטער דעם נאָמען „קאָמפּאַני יוניאָנס" אָדער „יעלאָו דאָג"־יוניאָנס? איך פרעג אייך, מיט וואָס איז דער פאַרגאַנגענער יאָהר שולדיג, ווען פילע אַרבייטער, וועלכע האָבען באַדאַרפט בעסער פאַרשטעהן, האָבען זיך געלאָזט פאַרפיהרען פון אַלערליי פּוסטע פראַזען און האָבען אַליין געליטען עלענד און נויט?

מיר דאַכט זיך, אַז מען קאָן גאָר פילעס גוטעס געפינען אויף דעם יאָהר 1934. אין דעם יאָהר זיינען פאָרגעקומען גאָר גרויסע אַרבייטער־קאַמפּען, וועלכע זיינען געווען אַ גאָר שטאַרקע התראה צו אונזערע באַלעבאַטים, אַז מען קאָן ניט אָפּ'פּטר'ן די אַרבייטער מיט שיהע־פּיהע. אין אַלגעמיין וועט גאָרניט זיין איבערטריבען צו זאָגען, אַז וואָס אַנבאַטרעפט אַמעריקא איז דאָ פאָרגעקומען אַ שטאַרקע אויפלעבונג, וואָס דאַרף געוויס פאַרשריבען ווערען אויפ'ן קרעדיט־זייט פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָהר.

עס זעהט אויס, אַז נאָך די אַלע יאָהרען פון פאַרשלאָפענקייט און פון יאוש האָט דער אַרבייטער ווידער געלערענט דעם אַלטען לעסאָן, אַז נאָר „אין קאַמף וועט ער קריגען דאָס וואָס איהם קומט מיט רעכט". דער נ. ר. א. איז אפשר געמיינט געוואָרען איינצושלעפערען די אַרבייטער, אָבער פּאַסירט האָט פּונקט דאָס פאַרקערטע.

און אַזוי, אָדער אומגעפעהר אַזוי, איז עס דער פאַל אין גאָר פילע אַנדערע טיילען פון דער וועלט. אָט נעמט, למשל, ענגלאַנד. אויך דאָרט קומט פאָר אַ שטאַרקע אויפלעבונג. מענשען האָבען שוין אָפּגעזאָגט אַ רבנן־קדיש דער אַרבייטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד צוליב דעם פאַרראַט פון איהר גרעסטען פיהרער, מר. מעקדאָנאַלד, דעם איצטיגען פּרעמיער־מיניסטער; אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז גענצליך באַנקראָט דער פאַררעטער און ער וועט נאָר באַלד אַרויסגעוואָרפען ווערען אויף דעם מיסט, וועהרענד די אַרבייטער־באַוועגונג איז אַזוי לעבעדיג, אַז עס איז אַ גרויסע סברא דאָס ביי די קומענדע וואַהלען וועט זי ווידער אַמאָל ווערען די רעגירונגס־פּאַרטיי, און אויף פיל פעסטערע יסודות, ווי זי איז עס געווען מיט יאָהרען צוריק, ווען זי האָט פאַרדאַנקט איהר צווייפעלהאַפטע גדולה דוקא די קאָנסערוואַטיווען. אודאי, ווי דאָס איז דער פאַל ביי אונז; איז אויך אין ענגלאַנד דאָ אַ גוטע פאָר מיליאָן אַרבייטסלאָזע, און נאָך מעהר, וועלכע מוזען לעבען פון קצבה; אָבער, ווידער אַמאָל, דאָס איז ניט די שולד פון דעם אָדער יענעם יאָהר. דאָס איז דער קאַנסער, וועלכער פרעסט אונזער גאַנצען איצטיגען לעבען, און עס קאָן גאָר פּאַסירען איינס פון די ביידע — אָדער אונזער גאַנצער לעבען וועט אויפהערען, אָדער דער קאַנסער וועט מוזען אויסגעשניטען ווערען מיט'ן וואָרצעל. אָבער אַזוי ווי עס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל, אַז אונזער גאַנצע געזעלשאַפט זאָל באַגעהן זעלבסטמאָרד, וועט דער קאַנסער, די פּראָפיט־סיסטעם, מוזען אויסגעשניטען ווערען.

און אַז עס געהט דערצו, וועגען דעם קאָן גאָר צווייפלען איינער, וועלכער וויל דורכאויס זעהן אַלץ שוואַרץ און שוואַרץ. ווער אָבער עס האָט נאָר קלאָרע אויגען

דאס יאהר

פון אברהם רייזען.

די יאָהרען אין דער היים האָט מען ניט אויסגעצעהלט,
און ניט אין צייטען פיער א יעדען יאָהר געטיילט;
נאָך זומער — ווינטער קומט, בלויז זמנים צווי — ניט מעהר,
(דערפאַר האָט זיך דאָס יאָהר געצויגען אזוי שווער...)
דעם נאָמען פריהלינג — איהם האָט קיינער ניט דערמאָנט,
די צייכענס פון זיין טראָט האָט קיינער ניט דערקאָנט.
נאָר ווען דער שניי צעגעהט און ס'שמעלצט דער אייז אין טייך,
געוואוסט האָט יעדערער, אז זומער קומט אָן גלייך...

אויך פאַר דער גאָלדנער צייט, ווען ס'ברוינט פון בוים דער בלאַט,
די צייט פון שטילען האַרבסט, האָט מען קיין וואָרט געהאַט.
עס האָט געהייסען בלויז: דער זומער געהט אַוועק,
און יעדער האָט געזיפצט מיט טיפען וועה און שרעק:
„דער ווינטער קומט שוין אָן!" די ווינטען בלאָזען שאַרף,
און יעדער רעכענט אויס, באַשטימט פיל האָלץ ער דאַרף...
א „קלאַפטער" דאָך געוויס... און אפשר טאָקע צוויי...
דער לוח זאָגט שוין אָן, אין חשון פאַלט א שניי...
און כסלו — שטאַרקע פרעסט, און ערשט אין טבת לינד,
דערפאַר אין חודש שבט — אי גרויסע פרעסט, אי ווינט...
נאָר ווער עס מישט דאָס בלאַט, ווייט ביז אין אייר אַריין —
דעם זאָגט דער לוח צו אויך טעג מיט זונענשיין...

אין דער קלאוק מאכער יוניאן, נאָר אויך אין די אַנדערע יוניאנס פון דער אינטערנעשאָנעל, ווייל צווישען אלע יוניאנס פון דער אינטערנעשאָנעל איז פאראן א גאַנץ נאָהענטע שייכות. און ער דאַרף אויך וויסען וואס עס טוט זיך אין דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, ווייל די אינטערנעשאָנעל איז א טייל פון דער אמעריקען פעדע־רײשאָן אוו לייבאָר און זי האָט זעהר א נאָהענטען שייכות צו איהר. ער דאַרף אויך וויסען וואס עס טוט זיך אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און אין דער קאָמוניסטי־שער, ווייל דאָס האָט זעהר א נאָהענטע שייכות צו די אינטערעסען פון דער יוניאַן.

א ביזנעס אגענט איצט דאַרף האָבען א גוטע ידיעה וועגען די קאודס און וועגען דער גאַנצער מאַשיניערי, וואס איז ארום זיי געשאַפען געווארען. אָפּגערעדט דער־פון, אז ער דאַרף וויסען דעם צוזאמענהאנג פון קאודס און פון אגרימענטס.

א ביזנעס אגענט דאַרף ניט בלויז וויסען ווי צו פאַר־האַנדלען און דורכצוקומען מיט באָסעס, נאָר ער דאַרף אויך וויסען ווי צו ריידען מיט די ארבייטער און דורכ־צוקומען מיט זיי. דאָס צווייטע איז אָפט שווערער ווי דאָס ערשטע.

מיין מיינונג איז, אז א ביזנעס אגענט פאר אונזער יוניאן דאַרף האָבען א גוטע פאָרברייטונג, איידער ער טרעט אריין אין זיין אמט. איך האַלט, אז עס איז דורכ־אויס נויטיג איינצופיהרען ספעציעלע קורסען, אדער קלאַ־סען פאר די, וואס ווילען ווערען ביזנעס אגענטען. איך וואָלט זאגען, אז זיי דאַרפען וויניגסטענס באַזוכען אזעל־כע קלאַסען אָדער קורסען 3 חדשים צייט. איך וואָלט עס שטעלען פאר א באַדינגונג צו קענען נאָמינירט ווערען. דער אמט פון א ביזנעס אגענט איז א גאַנץ בכבוד'יגער אין אונ־זער יוניאן און ווען איינער וויל עס, דאַרף ער זיין גרייט צוצוהאָרעווען אביסעל און זיך צוגרייטען. לערנען עפּעס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט און קומט אלע מאָל צונוץ.

און דאָס איז נאָך ניט אלץ... נאָר לאָמיך ניט פאַר־לאַנגען צופיל. איך וויל בלויז זאָגען, אז אין דער איצ־טיגער צייט, וואס מיר לעבען, אין דער צייט פון אזעלכע טיפע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע ענדערונגען און ווען די טרייד יוניאנס האָבען אנגעפאַנגען שפּילען אזא וויכטיגע ראָלע דאַרף א ביזנעס אגענט פון אזא וויכטיגער יוניאן ווי די אינטערנעשאָנעל האָבען א גוטע צוגרייטונג, אז ער זאָל זיין צוגעפּאַסט ווי געהעריג צו זיין אמט.

סאָציאַלע פאַרזיכערונג אין אַמעריקע

פון מ. איווענסקי.

די פראגע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג שטעהט איצט אין צענטער פון אמעריקאנער פּאָליטישען לעבען. עס איז איינע פון די ברענענדע פראגען פון טאג.

עס זיינען געווען צייטען און די צייטען זיינען פון דער גאנץ נאָהענטער פאַרגאנגענהייט, ווען בלויז דער געדאנק פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג איז פאַרשריען געוואָרען פון אלע זייטען. מען האָט אזא געדאנק געשטעמפּעלט אלס אימפּאָרטירטער סאָציאַליזם. מען האָט סאָציאַלע פאַרזיכערונג באטראכט אלס אונאַמעריקאניש. מען האָט פון אלע זייטען געפּויסט אז סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז א „דאָול”, קצבה, איינפאַכע צדקה, וואָס קען ערנידריגען די געפיהלען פון דעם שטאָלצען אמעריקאנער ארבייטער. דער פאַ־צווינענער קריזיס האָט אָבער געמאכט אן איבערברוך אין דעם געדאנקען־גאנג פון אמעריקאנער פּאָליטיקער. סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז שוין ניט קיין טריפהנער געדאנק.

דער געדאנק פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג איז געכשר'ט געוואָרען אויך אין אמעריקע. די געשלאָגענע רעפּובליקאנער, ווי די זיגרייכע דעמאָקראַטען, האַלטען אין אויסארבייטען פּלענער, וואָס זאָלען טראָגען דעם נאָמען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. די פראגע איז בלויז, ווי ווייט די פּלענער קענען אין דער ווירקליכקייט פאַרזיכערען די עקזיסטענץ פון די אמעריקאנער ארבייטענדע מאסען, ווי ווייט די פּלענער האָבען א ממשות.

דער געדאנק פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג איז זעהר אן איינפאַכער. ווען מיר באטראכטען ניכטער די עקאָנאָמישע לאגע אין די זעהר אומרוהיגע צייטען אין וועלכע מיר לעבען איצט.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּראָדוקציע לעבען מיר אין אן אויסערגעוועהנליכער שפע, אָבער די פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען געפינט זיך אין א צושטאַנד פון כאָאָס. עס איז אזוי, ווי עס ווערט דערציילט אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע ווענען דעם אומגליקליכען טאַנטאַל. ער געפינט זיך אן אומגליקליכער צווישען כל טוב. ער זעהט מיט זיינע אויגען די שענסטע זאכען, ער דורשט נאָך זיי, ער קען זיי אָבער ניט אָנריהרען.

אויך די היינטיגע געזעלשאַפט געפינט זיך אין אזא צושטאַנד. אין דער גרויסער שפע, ליידען מיליאָנען מענשען הונגער און נויט. אויך די גליקליכע, וואָס זיינען מעהר אדער ווייניגער פאַרזאָרגט, ווייסען ניט, וואָס מאָרגען וועט זיין. די אונזיכערהייט פון היינטיגען עקאָנאָמישען לעבען פילט אַן זייערע הערצער מיט שרעק.

עס איז א געדאנק, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרען פון פראנצויזישע סאָציאַליסטען מיט 90 יאהר צוריק. איינער פון די ערשטע פראנצויזישע סאציאליסטען, לואי בלאַן, איז ארויסגעקומען מיט דער זעהר גערעכטער פאָדערונג אז יעדער מענש מוז זיין פאַרזיכערט מיט דעם עלעמענטאַרען רעכט, מיט דעם רעכט פאר ארבייט. לעבענסמיטעל זיינען א פּראָדוקט פון ארבייט און יעדער געזונטער מענש איז בארעכטיגט צו האָבען א דזשאָב, זיך נוצליך צו מאכען אין פּראָדוצירען די נויטיגע לעבענסמיטעל. די געזעלשאַפט איז מחויב צו פאַרזאָרגען יעדען איינעם מיט ארבייט. עס איז אינטערעסאַנט אויך צו באמערקען, אז עס איז געווען דערזעלבער לואי בלאַן, וואָס האָט געפאָדערט אז די רעגירונג זאָל זיך פאַרנעמען מיט קהל'שער ארבייט, א געדאנק, וואָס איז איצט געוואָרען אין א געוויסער מאָס די פּראָגראַם פון רוזוועלט'ס „ניו דיל”.

אין דעם היינטיגען עקאָנאָמישען צושטאַנד מיט דער אויסערגעוועהנליכער רייכקייט פון פּראָדוקטען, דאַרף א מענש זיין פאַרזיכערט ניט נאָר געגען ארבייטסלאָזינקייט. די געזעלשאַפט האָט די מעגלאכקייט און איז מחויב צו פאַרזיכערען אלע בירגער געגען קראַנקהייט, אַלטקייט און אַלערליי סאָרטען שלעק. די געזעלשאַפט איז מחויב צו זאָרגען פאר אלע די, וועלכע זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען אין שווערען קאמף פאַר'ן לעבען. סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז איינע פון די וויכטיגסטע פונקציעס פון דער ארגאניזירטער רעגירונג, וואָס דאַרף מיט זיך פאַרשטעלען דעם ווילען פון דער געזעלשאַפט.

סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז אָבער בשום אופן ניט א פרומער וואונש, א אידעאַל פאר די ווייטע צוקונפט, לעתיד לבוא. ניין, סאָציאַלע פאַרזיכערונג איז שוין געוואָרען א פּראַקטישע פּראָגראַם פון די רעגירונגען פון פילע לענדער, די מייסטע לענדער פון אייראָפּע האָבען שוין סיסטעמען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. צו די סיסטעמען זיינען גוט, אדער שלעכט; צי די סיסטעמען ארבייטען אָדער ניט, אָבער דאָך פּראָבעס פון סאָציאַלער פאַ־זיכערונג זיינען געמאכט געוואָרען און די מייסטע ציוויליזירטע לענדער. אין די פאַשיסטישע לענדער, ווי דייטשלאַנד און איטאַליען, אין די פּאַרלאַמענטאַריש־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי ענגלאַנד, פראנקרייך, בעלגיען און טשעכאָסלאָוואַקיע; אין דער קאָמוניסטישער רוסלאַנד — איבעראַל פונקציאַנירען סיסטעמען פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. אן אויסנאַם איז געווען אונזער מדינה, די פאַראייניגטע שטאַטען פון צפון אמעריקע, אָבער אויך דאָ האָט זיך דער אייז אנגעפאַנגען צו ריהרען.

ביי פילע געלעגענהייטען האָט פּרעזידענט רוזוועלט אויסגעשפּראָכען די מיינונג אז עס איז א טייל פון זיין פּראָגראַם צו שאַפען אין אמעריקע סאָציאַלע פאַרזיכערונג. פון אייניגע אויסדריקע האָט מען געקענט קומען צום שלוס, אז פּרעזידענט רוזוועלט טראָגט זיך ארום מיט נאָר א ברייטער פּראָגראַם פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. ער האָט פּלענער צו פאַרזיכערען יעדען אמעריקאנער בירגער געגען ארבייטסלאָזינקייט, קראַנקהייט און אַלטקייט. אפילו דאָ ניט לאַנג האָט דער פּרעזידענט געשיקט א מעסעדזש צו א פאַרזאַמלונג פון מעיאָרס אין שיקאַגאָ און אין מעסעדזש ווערט געזאָגט אז דער קומענדיגער קאָנגרעס דאַרף זיין באשעפטיגט מיט פראגען פון רעליף פאר ארבייטסלאָזע, קהל'שע ארבייט, ארבייטסלאָזע אינשורענס, פּענסיעס פאר אַלטע לייט און היימען.

עס איז א גאנץ ברייטע פּראָגראַם, ווען מען זאָל איהר געהעריג אויספיהרען. איז אָבער די צרה אז דער פּרעזידענט ווערט וואַקעלדיג, ווען עס קומט צו דעפיניטיווע פּראַקטישע פּלענער.

עס איז פאַרגעקומען א קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן, וואָס האָט געטראָגען דעם קלינגענדען נאָמען פון עקאָנאָמישער זיכערקייט דעם 14טען נאָוועמבער, 1934. די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרופען אויף מיס פּוירקינס, סעקרעטערי אוו לייבאָר. אויף דער קאָנפערענץ האָט פּרעזידענט רוזוועלט זיך אויסגעשפּראָכען אויף אזא אופן, וואָס האָט אָפּגעגאָסען מיט קאַלטע וואַסער אלע אמת'ע פריינד פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג.

ווענען די ברייטע פּראָגראַם פון פּענסיעס צו אַלטע לייט, שטיצע פאר קראַנקע, האָט דער פּרעזידענט אוועקגעמאכט מיט דער האַנד. דאָס איז א שפּעטערדיגע דאגה. „אין איין פּונקט קען מען זיין דעפיניטיוו” — האָט דער פּרעזידענט געזאָגט, — „אַ־בייטסלאָזע אינשורענס וועט יא זיין אויף דער פּראָגראַם. עס מוז אָבער זיין פינאַנסירט פון ביישטייערונגען, ניט פון טעקסעס”.

עס איז נאָר קיין ספק ניט אז דער נעקסטער 74טער קאָנגרעס וועט זיך באשעפטיגען מיט פּלענער פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג. עס זיינען שוין אנגעמערקט געוויסע פּלענער, ווי דער פּלאַן, וואָס עס רופט זיך דער „וויסקאָנסין פּלאַן”, לויט וועלכען עס וועט זיך קלייבען א פאָנד פון אָפּגעשפּאָרטע געלד פון ארבייטער און באַלעבאַטים. לויט דעם אזוי גערופענעם וויסקאָנסין פּלאַן, קען אן ארבייטער אָפּשפּאָרען אויף זיין חלק 75 דאָלער פאר א רע־

און ניט רוקא מיט ראזעווע ברילען, זעהט אז עס נעהט דערצו מיט ריזען־טריט. די פראפיט־סיסטעם ווערט איצט גע'משפט, זי מוז נעבאך האלטען אין איין פארטיידיגען זיך, און איהר פארטיידיגונג איז אפט אזא שוואכע, אז זי רופט ארויס א שמייכעל פון רחמנות. אפילו אונזער פרעזידענט רעדט נאר מיט א האלבען מויל וועגען פראָ־פיט, און דאס אויך, ווייל ער איז נעבאך געצוואונגען. פארט געשווארען אויפצוהאלטען די הייליגקייט פון „פראָ־פערטי", און פארט ווילט זיך זיין פרעזידענט א צווייטען טערמין! אבער טוט א קוק ארום זיך, און איהר וועט זעלטען געפינען א מענשען מיט שכל און מיט א ביסעל יושר, און מיט א שטיקעל רעפוטאציע צו פארלירען, וואס זאל וועלען נעמען אויף זיך די אדוואקאטור פון אונזער באנקראטירטער ארדנונג.

און טאמער האט איהר פריהער מורא געהאט, אז אנשטאט דעם קאפיטאליזם קומט אן דער פאשיזם, דער נאציזם, אדער דער באלשעוויזם, — איז איצט, טאקע צו פארדאנקען דאס וואס עס האט פאסירט אין יענע אומגליקליכע לענדער, די געפאהר, אויב ניט אין גאנצען אויסגעמיטען, א זעהר, זעהר קנאפע. די בלוט־בעדער אין דייטשלאנד, אין רוסלאנד, אין איטאליען וועלען און מוזען זיין נאר א גרויסע לעהרע פאר פילע, וועלכע האבען ביז איצט קאקעטירט מיט דעם באלשעוויזם, דעם היט־לעריזם און נאך אזעלכע סיסטעמען. אפשר זיינען געווען מענשען, וועלכע האבען אין זייער קורצזיכטיגקייט אנגע־נומען די תורה פון דיקטאטור, ווייל אונטער דער דיק־טאטור, האבען זיי געגלויבט, קען מען אויפטאן זאכען פיל שנעלער, ווייל דיקטאטור פארט זיך מיט א שנעלערען טעמפא פון פראגרעס. איז אבער וואס לענגער די דיק־טאטורען עקזיסטירען, אלץ קלארער ווערט עס, אז וועגען א שנעלערען פראגרעס קאן גאר קיין רעדע ניט זיין; ניט נאר פארט זיך ניט דיקטאטור מיט פראגרעס, נאר זי פארט זיך מיט א טראַר, וועלכער האט אפשר ניט זיין גלייכען אין דער גאנצער מענשליכער געשיכטע. מענשען מוזען איינזעהן, אז דיקטאטור, פון וועלכער פארב זי זאל ניט זיין, קאן ניט זיין אנדערש ווי טיגעריש־גרויזאם; אז זי וויס נארניט, וואס דאס איז אזעלכעס איינפאכער יושר, שוין ניט רעדענדיג פון אן עטוואס העכערער מא־ראל, און דאס ניט נאר קאן מען ניט אין אזא פארמע פון צוזאמענלעבען ריידען פון אירגענד וועלכען פארט־שריט נאר פארקערט, אז דארט קומט פאר דער פראצעס פון אויפלייזונג, פון אלץ מעהר און מעהר פוילעניש.

עס איז אמת, דאס איך האב קיינמאל ניט געצוויי־פעלט אין דער מיתה משונה פון דיקטאטור אין די לענ־דער, וואוהין זי האט זיך צוליב פארשיידענע אומשטענ־דען אריינגעכאפט, און האב וועניג־וואס מורא געהאט, אז זי זאל זיך חלילה אריינכאפען צו אונז. מיין זיכער־קייט איז געקומען פון דעם, וואס איך קאן זיך בשום אופן ניט פארשטעלען, אז די מענשהייט זאל געהן און קענען געהן צוריק. עס קאן פאסירען א ריקשריט פאר א געוויסער קורצער צייט, אבער פריהער אדער שפעטער מוז זי אויפנעהמען איהר מארש פארווערטס. די קאנטר־רעוואלוציעס, ווי זיי האבען פאסירט אין איטאליען, דייטש־לאנד, רוסלאנד און א פאר אנדערע קלענערע לענדער, זיינען נאר אן איבערגאנגס־קראנקהייט. און צוליב דעם זעלבען גרונט האב איך ניט מורא געהאט פאר אונזער אמעריקא.

איז אט צוליב די אלע און נאך אנדערע גרינדע, וועלכע קענען דא ניט אלע אנגעגעבען ווערען, האב איך קיינמאל ניט מורא געהאט ניט פאר דעם אונטערגאנג פון אונזער גאנצער ציוויליזאציע און ניט, אז די קללה פון דיקטאטור זאל זיך אריינכאפען צו אונז. עס זיינען אבער געווען מענשען, וועלכע האבען פון איין זייט מורא גע־האט, אז אונזער דעמאקראטיע זאל קריגען כרת ימים, און פון דער אנדערער זייט זיינען געווען מענשען, וועלכע האבען טאקע געוואלט אז די דיקטאטור זאל קומען וואס שנעלער, ווייל זיי האבען עס באטראכט אלס די גרעסטע ברכה, וואס קאן נאר זיין פאר אמעריקא.

די בלוט־בעדער אין דייטשלאנד און אין רוסלאנד האבען געמוזט ווירקען שטארק אויסניכטערענד אויף זיי. אויב זיי האבען נאך ביז איצט ניט געזעהן די דיקטאטור אין איהר ריכטיגער מורא'דיגער געשטאלט, מוזען זיי עס איצט דערזעהן.

אויף אזא אופן, ליבע לעזער, שיינט מיר, אז דער פארגאנגענער יאהר האט צו זיין קרעדיט פיל גוטעס, און מעהר פון אלץ דאס, וואס סיי אין אמעריקא, סיי אין ענגלאנד און סיי אין דער איבעריגער וועלט האט זיך אנגעפאנגען די פעריאדע פון אויפשטאנד, פון רעבעליאן. ניטא מעהר קיינע אילוזיעס, אז רוזוועלט וועט אונז העל־פען. ניטא מעהר קיינע אילוזיעס, אז מלחמה וועט אפ־געשאפט ווערען. עס איז געווען טאקע אין פארגאנגענעם יאהר, ווען מען האט אויסגעפונען, וואס פאר א טייערע ביסען מלחמה איז פאר אונזערע קאפיטאליסטישע „פאט־ריאטען", און דאס קיינמאל וועט מען ניט פטור ווערען פון מלחמה אזוי לאנג ווי דער קאפיטאליזם וועט עקזיס־טירען. עס קענען אויך שוין מעהר ניט זיין קיינע אילו־זיעס וועגען דיקטאטור; דער דאזיגער נפש איז ארויס־געלאפען נאקעט אין גאס און געוויזען זיך אין זיין שוידערליכער געשטאלט.

איך האלט דעריבער דאס פארגאנגענע יאהר פאר א גוטען צושטערער פון אלערליי נארישע איינרעדענישען און פאר אן אנפאנגער פון גאר פילעס וואס איז גוט. זאל נאר דער קומענדער יאהר געהן אין זיינע וועגען, אין די וועגען פון זיינע פארגענגער, און מיר מעגען האפען אויף גאר א שטארקע באלדיגע ענדערונג אין אונזער גאנצען העסליכען לעבען.

נאר מעהר פון אלץ לאמיר געדענקען, אז דאס וויר־טערע העננגט ניט אפ פון דעם ציפער, מיט וועלכען דער יאהר ווערט באצייכענט, נאר פון די אויפטואונגען פון דער עהרליכקייט און ערנסטקייט, וועלכע די מענשען לעגען אריין אין זייערע אויפטואונגען.

און נאך א ווארט צום נייעם יאהר: שטעלט זיך קיינמאל ניט צופרידען מיט דעם וואס עס איז שוין אויפ־געטאן. בארימט זיך ניט מיט דער פארגאנגענהייט, וואס אונזערע פארגענגער האבען קוים געראטעוועט. זעהט, אז יעדע מינוט פון דעם איצט זאל פארווענדט ווערען אויף עטוואס גוטעס פאר זיך און פאר אייערע מיטמענשען.

איז דא א אידישער פאשיזם?

•

וועגען אט דער זעהר צייטליכער, וויכטיגער פראגע
וועט רעדען

בצלאל שערמאן

רעדאקטאר פון „פראלעטארישען געדאנק"

וועלכער האט זיך נאר־וואס צוריקגעקערט פון א
רייזע אין פאלעסטינא

דאנערשטאג, 10טען יאנואר, 1935

6 אזייגער

אין יוניאן אוידיטאריום

232 וועסט 40טע גאס, צימער 408.

•

איינטריט פריי. פראגען און דיסקוסיע.

בלדונגס דעפארטמענט
דרעסמאכער יוניאן,
לאקאל 22, א.ל.ג.וו.י.
232 וועסט 40טע גאס.

די אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר

פון נ. פאַמעראַנץ

דער אידישער ראַדיקאַלער ארבייטער און אינטעליגענט, וועלכער איז געקומען קיין אמעריקא מיט א פאַרטיגען בליק אויף דעם אָרט וואָס דער ארבייטער פאַרנעמט אין דער געזעלשאפט און אויף דער ראָלע וואָס די ארבייטער־באַוועגונג דאַרף שפּילען אין איהר, קען גאַנץ אָפט ניט פאַרשטעהן די אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג. ווי לאַנג אַזאַ איינער זאָל ניט זיין אין לאַנד, ווי טיף אַמעריקאַניזירט ער זאָל ניט זיין, ווי נאָהנט ער זאָל ניט שטעהן צו דער היגער ארבייטער־באַוועגונג, איז איהם פונדעסטוועגן שווער צו פאַרשטעהן, ערשטענס, פאַר וואָס די אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג האָט אַזוי מורא פאַר זעלבסטשטענדיגער פּאָליטישער אַקציע און, צווייטענס, ווי עס קומט, וואָס די פאַרשיידענע טיילען פון דער היגער ארבייטער־באַוועגונג זיינען אַזוי לויז פאַרבונדען צווישען זיך און זייער סאָלידאַריטעטס־געפיהל בכלל איז אַזוי שוואַך.

דעם ענטפער אויף אָט די פראַגען קען מען ניט געפינען אין דער אַמעריקאַנער ווירקליכקייט פון אונזער צייט. פאַרקערט, לויט דעם אַגרעסיווען כאַראַקטער פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם און זיין מעכטיגער קאָנצענטרירטער קראַפט, וואָלט די היגע ארבייטער־באַוועגונג געדאַרפט זיין א מוסטער פון קאָנצענטראַציע און פון סאָלידאַרישער גרייטקייט צו שטעהן „אַלע פאַר איינעם און איינער פאַר אַלע". דעם ענטפער אויף די פראַגען קען מען ניכער געפינען אין דעם היסטאָרישען הינטערגרונט פון דער אַמעריקאַנער ארבייטער־באַוועגונג, איידער אין די נויטען פון דער היינטיגער ווירקליכקייט.

די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר איז ניט געבוירען געוואָרען, ווי די לעגענדע דערצעהלט וועגען דעם גאָט פון חכמה, אַז ער איז אַרויסגעשפּרונגען א פולדערוואַקסענער פון דעם שטערן פון דעם גאָט־פאָטער זעאוס. זי איז געבוירען געוואָרען אויף א נאַטירליכען אופן — דורך א טראָגען און האָבען, דורך פּייניליכע וועהטאָגען פון דערפאַהרונג: און, כאָטש דאָס קינד איז געקומען אויף דער וועלט אַן עופה'לע און איז אויסגעוואַקסען צו זיין איצטיגער גרויס אין משך פון א לאַנגער צייט, איז זיין שיקזאַל ביז היינטיגען טאָג געבונדען און באַגרעניצט דורך די וויהען און ערפאַהרונגען בעת זיין קומען אויף דער וועלט.

די ארבייטער־באַוועגונג איז אַזוי אַלט ווי די פאַבריק. אַזוי שנעל ווי מעהרערע בעל־מלאכות זיינען צוזאַמענגעבראַכט געוואָרען אונטער איין דאַך צו ארבייטען פאַר א בעל־הבית פאַר שכירות, האָט זיך גלייך אָנגעפאַנגען א באַוועגונג צווישען די ארבייטער צו קעמפען געמיינשאַפטליך פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע. די ארבייטער־באַוועגונג איז געקומען צום לעבען גלייכצייטיג ווי עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער בלאָז פון דער פאַבריק־טרובע. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען צואַוואַרפענע, ספּאָראַדישע פּראָבעס צו אָרגאַניזירען ארבייטער אויף א קליינעם מאַסשטאַב. דער גרויסער פאַרנעהם צו אָרגאַניזירען ארבייטער אין צענטראַלע קערפּערשאַפטען אויף א נאַציאָנאַלען מאַסשטאַב איז געקומען ערשט דעמאָלט ווען דער קאַפּיטאַליזם גופא האָט זיך פאַרנומען אויף א גרויסצוגיגען וועג.

דער גרויס־קאַפּיטאַליזם אין אַמעריקא איז געקומען צום לעבען מיט דעם בירגער־קריג. אָט דער קריג פון 1860—4 האָט באַפרייט דעם יונגען אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם פון די פענטעס און צאַמען פון דעם אָפּשטאַרבענדען פעאָדאַליזם, און זינט דעמאָלט האָט ער פריי צונומען זיינע הענט. און מיר זעהען טאַקע, אַז גלייך אין יאָהר 1864 איז געמאַכט געוואָרען א פאַרזוך צו גרינדען א צענטראַלע ארבייטער־קערפּערשאַפט, וואָס זאָל אַריינציהען אין זיך די פאַרשיידענע יוניאָנס און צענטראַלע שטאָטישע ארבייטער־קערפּערשאַפטען וואָס האָבען עקזיסטירט דאָ און דאָרט. אין יענעם יאָהר איז אין לואיזוויל, קענטאַקי, אָפּגעהאַלטען געוואָרען א צוזאַמענפאַהר, אין וועלכען עס האָבען זיך באַטייליגט 8 טרייד־אַסעמבלים. די אָרגאַניזאַציע וואָס איז דאָרט געגרינדעט געוואָרען האָט געהייסען „די אינטערנעשאָנאַל אינדאַסטריעל אַסעמבלי אָוו נאָרטה אַמעריקא", און עס איז אָנגענומען געוואָרען א קאָנסטיטוציע מיט אַן אַלגעמיינעם סטרייק־פאָנד אַלס פונדאַמענט. פון אָט דעם פּראָיעקט האָט זיך אָבער גאָרניט אויסגעלאָזען.

אָבער מיט צוויי יאָהר שפּעטער, אין 1866, איז אָרגאַניזירט געוואָרען די „נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן", אַן וועלכער עס האָבען זיך אָנגעשלאָסען די מעהרסטע עקזיסטירענדע ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס פון לאַנד און וועלכע האָט אָפּגעהאַלטען זעקס יעהרליכע קאָנווענשאָנס. די פּרינציפּען, וואָס די „נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן" האָט פאָרמולירט, האָבען אַנטהאַלטען סיי עקאָנאָמישע, סיי פּאָליטישע און סאָציאַלע פאָדערונגען און צילען — עקאָנאָמישע: אַן אַכט־שטונדיגער ארבייטס־טאָג, די רעגולירונג פון לערנערס, ארביטריישאָן אַנשטאָט סטרייקס; פּאָליטישע: אָפּשאַפונג פון דער קאָנטראַקטינג־סיסטעם פון פּריזאָן־ארבייט, שאַפונג פון א דעפּאַרטמענט אָוו ליר־באָר און פון א נאַציאָנאַלער ביוראָ פון ארבייטס־סטאַטיסטיק, אויסשליסונג פון אָריענטאַלער אימיגראַציע; סאָציאַלע: קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען און קראָמען, „בירלינגע" געלט.

שוין אין יענער צייט האָט זיך אַנטוויקעלט א צוזאַמענשטויס צווישען די טרייד־יוניאָניסטען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט ריין־פּראַקטישע צילען, — ווי העלפען איינע די אַנדערע אין צייט פון סטרייקס, פּראָפּאַגאַנדירען אַז מ'זאָל קויפען סחורה מיט'ן יוניאָן־לייבעל, און העלפען דורכפיהרען ספּעציעלע געזעצען לטובת ארבייטער, — און די פאַרשיידענע רעפאָרמער און רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען זיך מעהר אינטערעסירט מיט אַזעלכע פראַגען ווי קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, די וואַקסענדע מאַכט פון די גרויסע קאָרפּאָריישאָנס, דער עקאָנאָמישער מצב פון דער ארבייטערשאַפט, און מיט דעם ווי אַזוי דאָס אויסצובעסערען אָדער אָפּצושאַפען. די פּראַקטישע טרייד־יוניאָניסטען האָבען ניט געקענט הויזען מיט די פאַרשיידענע סאָציאַלע רעפאָרמער, וועלכע זיינען זיך אָנגעלאָפען אין א גרויסער צאָל אין דער „נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן", וועלכע האָבען באַטראַכט פּאָליטיק אַלס די הויפּט־מעטאָדע צו אויסבעסערען די געזעלשאַפט און האָבען געמאַכט צו קליינגעלט דעם עקאָנאָמישען קאַמף. דאָס האָט סוף כל סוף געפיהרט צום צוזאַמענברוך פון דער „נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן".

די „נייטס אָוו לייבאָר", וועלכע איז אָרגאַניזירט געוואָרען אין יאָהר 1869 אָבער וועלכע איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אַלס נאַציאָנאַלע ארבייטער־אָרגאַניזאַציע ערשט אין יאָהר 1878, האָט שוין אין גאַנצען אויסגעשלאָסען פּאָליטיק פון איהר טעטיגקייטס־געביט קאָנצענטרירענדיג זיך אויפ'ן עקאָנאָמישען פעלד. די „נייטס אָוו לייבאָר" האָט איבערגענומען אַלע עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון דער „נעשאָנאַל לייבאָר יוניאָן" און האָט נאָך דערצו שטאַרקער באַטאָנט דעם געדאַנק אַז די אָפּשאַפונג פון דער שכירות־סיסטעם קען צו־שטאַנד געבראַכט ווערען דורך פּראָדוקציאָנס־ און פאַרטיילונגס־קאָאָפּעראַטיווען, אָבער פּאָליטישע אַקציע איז אין גאַנצען אויסגעשלאָסען געוואָרען.

די „נייטס אָוו לייבאָר" איז געווען סאָציאַליסטיש אין שטימונג, אינדוסטריאַליסטיש אין אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם און געגען יעדען מין פאַך־יוניאָניזם. זי איז אָבער געווען אַזוי צענטראַליסטיש, אַז א סך טרייד־יוניאָנס האָבען געקרעכצט אונטער איהר יאָך און האָבען זיך אָנגעהויבען בונטעווען און פאָדערן א געוויסע מאָס אויר־

נעגריגען טאג. עס זיינען דא אנדערע פלענער, וואו דער חלק פון ארבייטער איז העכער. די אלע פלענער ריהרען אבער אן בלויז די אויבערפלעכע פון סאציאלער פארזיכערונג. עס איז דא א גרויסע סכנה אז די פלענער וועלען ברייננען נישטיגע רעזולטאטען. עס קאכט זיך איצט וועגען סאציאלער פארזיכערונג. עס איז אבער דא א געפאהר אז דער קאכעדיגער בארג זאל געבוירען בלויז א קליינע מייזעלע.

לײדער שווייגען די הויפט מחותנים פון סאציאלער פארזיכערונג. די ארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקע האבען נאך זייער שטימע ניט געלאזט הערען אט אין דער פראגע, וואס ריהרט אן זייערע בלוטיגע אינטערעסען. די פראגע פון סאציאלער פארזיכערונג ריהרט אן ארבייטער, מעהר ווי יעדען אנדער קלאס. עס איז זעהר וויכטיג פאר יעדען ארבייטער צו מאכען וואס קלערער זיין באגריף וועגען סאציאלער פארזיכערונג.

פריוואטע פארזיכערונג אינשורענס איז יעדען ארבייטער באקאנט. די אינשורענס קאמפאניעס און זייערע אגענטען האבען די באגריפען פון אינשורענס זעהר פאפולער געמאכט. ניט נאר ווייס יעדער ארבייטער, וואס עס מיינט פייער פארזיכערונג און לעבענס פארזיכערונג. יעדער ארבייטער ווייס וואס עס מיינט עקסידענט אינשורענס, אלטקייט פארזיכערונג, פארזיכערונג נעגען קראנקהייט און אלערליי נייע סארטען פון פארזיכערונג, וואס קומען ארויס טאג־טעגליך. ארבייטער דא אין אמעריקע האבען אבער א שוואכען באגריף וועגען סאציאלע אינשורענס, סאציאלע פארזיכערונג.

דער פרינציפ פון אינשורענס אין א גאנץ ברייטען זין באשטעהט אין דעם, וואס א פאנד קלייבט זיך פון ביישטייערונגען פון פילע פאר די פארזיכערונג פון די ווייניגע, וואס עס לײדען. פילע צאהלען פרעמיומס פאר פייער פארזיכערונג, דעם בענעפיט קריגען בלויז די נשרפים. עס איז אנגענומען אז פילע צאהלען פאר די ווייניג לײדענדע. לעבעדיגע צאהלען פאר טויטע, געזונטע — פאר קראנקע א. א. וו.

אינשורענס, וואס געפינט זיך אין די הענט פון פריוואטע קאמפאניעס איז אויך אין א גרויסער מאס א סאציאלע אונטערנעמונג. פריוואטע מענשען פיהרען אויס געזעלשאפטליכע פונקציעס. פריוואטע אונטערנעמונגען טוען אבער זייערע געשעפטען ניט צוליב ליבע צו דער געזעלשאפט. פריוואטע אונטערנעמונגען צאהלען אויס פון די פאנדען, וועלכע זיי קלייבען, גרויסע סאלאריס צו דירעקטארען, זיי צאהלען אויס פילע הוצאות צו אגענטען, אויך ריזיגע סומען פאר זייטיגע הוצאות. זיי לייגען אבער ניט צו צום געשעפט. די אבצאהלונגען, וואס זיי קריגען סטייען אויף אלץ. און די אבצאהלונגען פאר פארזיכערונג זיינען טאקע זעהר גרויס.

אין סאציאלער פארזיכערונג מוזען אויך געשאפען ווערען גרויסע פאנדען די פארזיכערונג גוט צו מאכען. אויך אין סאציאלער פארזיכערונג סיסטעמען מוז מען צאהלען פרעמיומס. די פראגע איז — פון וואנען זאל מען די געלדער פאר די אינשורענס פאנדען נעהמען? ווער זאל צאהלען די פרעמיומס?

מיר קומען דא צו זעהר א וויכטיגען פונקט, אויף וועלכען עס דרעהט זיך די פראגע פון סאציאלער פארזיכערונג. עס איז אויך א פראגע ווער איז אינשורט און צי די אינשורענס איז א געצוואונגענע אדער פריי־ווילינע.

עס זיינען דא פארשידענע סיסטעמען פון סאציאלער פארזיכערונג אין אייראפע, פרייוויליגע און געצוואונגענע. עס זיינען דא סיסטעמען, אין וועלכע די רעגירונג פארוואלטעט בלויז די אינשורענס פאנדען, ווי אין פראנקרייך און בעלגיען. עס זיינען דא אויך סיסטעמען, אין וועלכע די רעגירונג טראגט א לאסט פון די אינשורענס. אין די מייסטע סיסטעמען אבער קלייבען זיך די אינשורענס פאנדען פון ארבייטען ארבייטסגעבער, פון דער צענטראלער רעגירונג און לאקאלע מוניציפאלע און סטייט רעגירונגען. די פראגע איז פון פראפארציאנעלע לאסטען, וואס יעדערער טראגט.

אן אידעאלע סיסטעם פון סאציאלער פארזיכערונג איז די וואו די רעגירונג טראגט די גרעסטע לאסט און קלייבט דעם פאנד פון דירעקטע טעקסעס. אזא סיסטעם איז אין פולען זין פון ווארט א סאציאלע פארזיכערונג. ניט נאר איז דער עיקר פון אינשורענס בכלל אז ארבייטספעהיגע צאהלען פאר אינוואלידען; געזונטע פאר קראנקע. עס איז אויך וויכטיג אז מענשען מיט מיטלען זאלען צאהלען פאר מענשען וואס האבען קיין מיטלען ניט. און עס איז די פליכט פון דער רעגירונג אזא אויפגאבע אויסצופיהרען. הינקען אבער די מייסטע סיסטעמען מיט דעם, וואס די רעגירונגען ווילען אויף זיך קיין איבעריגע פליכטען ניט נעמען. אויף מלחמה איז דא גענוג געלד, אויף סאציאלע פארזיכערונג איז קיין געלט ניטא.

ווען עס קומט צו צאהלען צו ארבייטסלאזע, צו קראנקע, צו אינוואלידען און צו אלטע ווערט די רעגירונג זעהר קארג. דער אויסרייד איז אז מען מוז באלאנסירען דעם בודזשעט. מען מוז דעקען די הוצאות פון דירעקטע הכנסות. קיין הלוואות טאר מען ניט מאכען און צו באלאסטען מיט טעקסעס איז אויך ניט זעהר באקוועם. נעהמט אוועק דעם ביסען פון מויל פון ארבייטסלאזע און פון אינוואלידען, ווי עס האט געטון ראמסי מאקדאנאלד, דער געוועזענער ארבייטער פיהרער אין ענגלאנד, ווען ער האט ארונטערגעשניטען 10 פראצענט פון די ארבייטסלאזע בענעפיטס אין יאהר 1931, צו ראטעווען דעם גאלד־סטאנדארד אין ענגלאנד. דער רעזולטאט איז געווען, אז דער גאלד סטאנדארד איז ניט געראטעוועט געווארען. דער יקרות איז געווארען גרעסער אין ענגלאנד און ארבייטסלאזע האבען געקראגען ווייניגער בענעפיטס מיט צעהן פראצענט. זיי זיינען געשמיסען געווארען פון צוויי בייטשען.

אין ענגלאנד איז אין דעם יאהר 1934 דער געזעץ פון בענעפיטס פאר ארבייטסלאזע פיל אמענדירט געווארען. ארבייטער האבען אפילו געקראגען צוריק דאס וואס מאקדאנאלד האט פון זיי געשניטען אין יאהר 1931. איז אבער איינגעפיהרט געווארען אן אונטערזוכונג. די רעגירונג דארף אונטערזוכען צי דער וואס קריגט סאציאלע הילף האט ניט ערגעץ וואו באהאלטען עטלעכע סענט. אלע ארבייטער פארשטעהער זיינען געגען דעם געזעץ זעהר אויפגעבראכט. די ארבייטער פארשטעהער באטראכטען סאציאלע פארזיכערונג אלס א אמת'ע אינשורענס סיסטעם, צו וועלכער אלע זיינען בארעכטיגט. איז איינער אינשורט פון פייער, פרעגט מען איהם ניט צי איז ער א ארימער נשרף אדער ניט. אינשורענס איז פאר אלעמען. ארבייטער דענקען מיט רעכט אז אינשורענס איז ניט קיין צדקה זאך.

דא אין אמעריקע איז די פראגע פון סאציאלער פארזיכערונג קאמפליצירט צוליב די פראגען פון יורידיקציע פון איינצעלנע סטייטס און די פעדעראלע רעגירונג. עס דארף אבער זיין די פאדערונג פון ארגאניזירטע ארבייטער די פראגע צו שטעלען אין איהר גאנצען נאציאנאלען פארנעם.

אין אמעריקע איז די פראגע פון סאציאלער פארזיכערונג א נייע. וואלט דא געווען א ארגאניזירטע ארבייטער פארטיי מיט א גוטער אויסגעארבייטער פאליטישער פראגראם, וואלט די פארטיי געקענט ווירקען אז אמעריקע זאל אויסמיידען אלע חסרונות פון די הערשענדע סיסטעמען פון סאציאלער פארזיכערונג. וואס איז אבער די פעולה? קיין ארבייטער סאציאליסטישע פארטיי איז נאך אין אמעריקע ניטא.

די פראגע פון סאציאלער פארזיכערונג איז א ברענענדע פראגע פון טאג אין אמעריקע. וואס ארבייטער מוזען האבען אין זינען איז אז סאציאלע פארזיכערונג איז ניט צדקה, נאר א רעכט פון יעדען ארבייטער. סאציאלע פארזיכערונג אין דעם ברייטסטען זין מוז ווערען די פראגראם מינימום פון דער גאנצער אמעריקאנער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט.

1932 האָט די א. פ. אָוו ל. געהאַט 12 טויזענט אַזעלכע אַרבייטער, וואָס זיינען געווען אָנגעשלאָסען אָן איהר ניט דורך אינטערנעשאָנאַלס נאָר דורך „פעדעראַלע" לאָקאַלס, וועלכע האָבען באַקומען זייערע טשאַרטערס דירעקט פון דער פעדערײשאָן. די דאָזיגע צאָהל איז אָבער פון קליי־נער באַדייטונג. אין אַזעלכע אינדוסטריען אָבער וואו עס עקזיסטירען שוין אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס מוז די פעדע־ריישאָן די ניי־אָרגאַניזירטע אַרבייטער גלייך טראַנספע־רירען צו זיי.

א גוטער ביישפּיל ווי אַזוי אַט די סיסטעם שטערט די אָרגאַניזירונג פון די מאַסען־אַרבייטער, איז די אויטאָ־מאָביל־אינדוסטריע. אין אַט דער אינדוסטריע זיינען באַ־שעפטיגט איבער אַ האַלבער מיליאָן אַרבייטער. אָרגאַ־ניזירט זיינען בלויז די פּעטערן־מייקערס און די פּיינ־טערס, אַ גאַנץ אומבאַדייטענדע צאָהל יחסנים־אַרבייטער אין דער אינדוסטריע. אַט די קליינע יוניאָנס זיינען אָבער אימשטאַנד, מיט דער שטיצע פון די אַנדרע פאַך־יוניאָנס, ניט צו דערלאָזען צו אָרגאַניזירען אַט די אַרבייטער ניט אין פעדעראַלע לאָקאַלס און ניט אין אינדוסטריעלע יוני־יאָנס. אויף דער קאָנווענשאָן פון דער פעדערײשאָן אין 1925 האָט דער מעטאַל טריידס דעפּאַרטמענט רעקאָמענ־דירט מ'זאָל אָרגאַניזירען די אויטאָמאָביל־אַרבייטער אויף אינדוסטריעלע ליניען. די פאַך־יוניאָנס האָבען אָבער דעם דאָזיגען פּלאַן דורכגעוואָרפען. נאָכדעם ווי עס זיינען אָנ־געגאַנגען פאַרשיידענע פאַרהאַנדלונגען און דינגענישען איז אויף דער קאָנווענשאָן פון 1926 געלונגען צו באַקומען די הסכּמה פון די באַטראָפענע אינטערנעשאָנאַלס אויפצו־געבען זייערע יוריסדיקציע־רעכט לכל הפּחות אין פאַר־לויף פון דעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין. עס איז געלונ־גען צו באַקומען די דאָזיגע הנחה אויף יענער קאָנווענ־שאָן דערפאַר, ווייל פּרעזידענט גרין האָט באַריכטעט אַז ניט קיין קלענערע פירמע ווי די „דזשענעראַל מאָטאָרס קאָרפּאָריישאָן" לאָזט זיך ריידען וועגען אָרגאַניזירען איי־ניגע פון איהרע פאַבריקען אַלס פּראָבע בתנאי זי זאָל ניט דאַרפען פאַרהאַנדלען מיט אַ סך פאַרשיידענע יוניאָנס. פון דעסטוועגען איז אויך דער קאַמפּיין געווען אַ דורכ־פאַל, ווייל ניט נאָר האָבען געפעהלט די פינאַנציעלע מיטלען פאַר אַזאַ גרויסער אָרגאַניזאַציאָנס־טעטיגקייט, נאָר זי האָט זיך אויך אָנגעשלאָגען אָן דער געגנערשאַפט פון די אינטערנעשאָנאַלס.

די אימפּאָטענץ פון דער א. פ. אָוו ל. ליגט אין דעם, וואָס זי האָט אַזוי ווייניג מאַכט עפּעס צו טאָן, אפילו ווען דער ווילען צו טאָן איז פאַראַן. וואָלט איהר געלונגען צו אָרגאַניזירען כאָטש נאָך אַ פּאָר מיליאָן אַרבייטער אין די שווערע אינדוסטריען, וואָלטען דעמאָלט די פאַך־יוני־יאָנס פאַרלוירען זייער באַדייטונג אין איהר און זי וואָלט באמת געקענט שפּילען די ראָלע וואָס זי דאַרף שפּילען. ביז איצט איז דאָס אָבער ניט געלונגען. די פעדעריי־שאָן געפינט זיך אין דער זעלבער לאַגע ווי יענער לאַיער, וועלכער האָט ניט געקענט קריגען קיין גרויסע פּראַקטיקע דערפאַר ווייל ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געפיהרט קיין וויכטיגען פּראָצעס, און האָט ניט געקענט קריגען קיין וויכטיגע „קעיס" דערפאַר ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין גרויסע פּראַקטיקע...

* * *

א סך ראַדיקאַלען זיינען דעריבער געקומען צום שלוס, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו בויען אויף דער פעדערײשאָן; אַז זי באַשטעהט אייגענטליך בלויז פון אַריסטאָקראַטען־אַרבייטער, וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר נאָך אַ פּיאַווקע אויף דעם ריזיגען אַרבייטער־קערפּער, און אַז מ'דאַרף איהר אונטערגראָבען און פאַרניכטען — און אין פאַרשיי־דענע צייטען האָבען זיי דאָס טאַקע געפּרואווט טאָן דורך אָרגאַניזירען אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס.

דאָס לעבען אַליין האָט באַוויזען ווי פאַלש די דאָ־זיגע שטעלונג איז און אַז די רפואה וואָס זי דאַרף ברענ־גען איז אַ סך, אַ סך ערגער פון דער מכה וואָס זי זוכט צו היילען.

ערשטענס, איז אַ טעות צו מיינען, אַז די עקזיס־טירענדע יוניאָנס זיינען ניט מעהר ווי שפּענדלאַך אין דעם גרויסען אַרבייטער־ים — ווי אַ ראַדיקאַלער שריי־בער האָט זיך דאָ ניט לאַנג אויסגעדריקט. דאָס איז אפשר אמת וועגען אַזעלכע אינטערנעשאָנאַל יוניאָנס ווי די פּעטערן־מייקערס און די פלינט גלעס וואָירקערס, אָבער בשום אופן ניט וועגען די גרויסע אינטערנעשאָנאַלס, וועלכע כאָטש זיי שטעלען מיט זיך ניט פאָר דעם גאַנצען גרויסען אָקעאַן זיינען זיי אָבער באַדייטענדע זאַליווען זיינע, און באַשיצען די בלוטיגע אינטערעסען. פון די אַרבייטער אין זייערע אינדוסטריען ניט ערגער ווי די בעסטע יוניאָן וואָלט עס געקענט טאָן.

צווייטענס, איז עס פאַלש זיך איינצורעדען, אַז ווען אַ דינער אַרבייטער־שיכט געווינט בעסערע באַדינגונגען פאַר זיך צוליב זיין ספּעציעל־גינסטיגער געזעלשאַפטליכער לאַגע, איז דאָס אַ רעה פאַר די איבעריגע אַרבייטער, דער־מיט וואָס די אַרבייטער־אַריסטאָקראַטיע שעפּט אַראָפּ פאַר זיך די סמעטענע און עס בלייבט ניט גענוג פאַר די מאַ־סאָווע אַרבייטער. דאָס איז זעהר אַ שעדליכער טעות, וואָס גאָר פיל ראַדיקאַלען האָבען זיך איינגערעדט. דער אמת איז גאָר, אַז די בעסער־באַצאָהלטע העלפען דורך זייער ביישפּיל און דורך זייערע דערגרייכונגען אויפצו־הויבען דעם לעבענס־סטאַנדאַרד פון דער אַרבייטערשאַפט בכלל.

דריטענס, איז אַ סך גרינגער צו ריידען וועגען אָר־גאַניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער, אײדער דאָס טאַקע צו דערגרייכען. גראָד אין די מאַסען־פּראָדוקציע אינדוסטריען איז קאַפּיטאַל אויסערגעוויינליך קאָנצענטרירט און מעכטיג, און יעדער פּרווו צו אָרגאַניזירען זייערע אַרבייטער לאָזט זיך אויס מיט גאָרנים. דער פאַקט איז, אַז אויך די ראַדיקאַלע אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס — ווי די „סאָשעליסט טרייד ענד לייבאָר אַליאַנס", די „א. וו. וו." און די קאָמוניסטישע יוניאָנס — איז ניט געלונגען צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער אין די שווערע אינדוסטריען. דער טרויעריגער פאַקט איז דאָך, אַז אַנשטאָט צו אָרגאַ־ניזירען די ניט־אָרגאַניזירטע אַרבייטער האָבען זיי אַלע זיך אַרויפגעוואָרפען דווקא אויף יענע אינדוסטריען וואו עס עקזיסטירען שוין יוניאָנס פון פריהער, און האָבען סוף־כל־סוף אויסגעהויכט זייער אָטעם אין אַן אָרגיע פון פשוט'ן סקעביזם. די צו אָפּגעגרעניצטע אויטאָנאָמיע פון די אינטערנעשאָנאַלס איז אָפט אַ שטערונג צו דער אָר־גאַניזירונג פון אַ סך אַרבייטער, אָבער די ערפאַהרונג האָט געוויזען אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסערער שונא פון די אַרבייטער ווי די דואַל־יוניאָן, ווי צוויי יוניאָנס אין איין און דעם זעלבען פאַך אָדער אינדוסטריע.

די גרויסע אויפגאַבע, וואָס שטעהט פאַר דער אַמע־ריקאַנער אַרבייטערשאַפט, איז די אָרגאַניזירונג פון די אַרבייטער אין די באַזישע אינדוסטריען. אָבער די דאָ־זיגע אַרבייט וועט פון קיינעם ניט געטאָן ווערען, סיידען פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, ווייל חוץ איהר און אויסער איהר איז פאַקטיש קיין אַנדער אַרביי־טער־באַוועגונג דאָ אין לאַנד נישטאָ. די שטרענגע אויטאָ־נאָמיע־סיסטעם פון דער פעדערײשאָן איז אָפט אַ שטע־רונג אויפ'ן וועג פון אַט דער אַרבייט, אָבער דאָס לעבען אַליין איז שטאַרקער פון אַלע קינסטליכע שטערונגען און וועט זיי מיט דער צייט בייקומען.

די שטורמישע צייט אונזערע קלאַפּט שטאַרק אין די טירען און פענסטער פון דער א. פ. אָוו ל. און וועקט איהר און שטופּט איהר צו ממשות'דיגע מעשים. די ען־אַר־עי האָט אויפגעשטעלט פאַר דער אַמעריקאַנער אַר־בייטער־באַוועגונג די פראַגע פון אינדוסטריעלען יוניאָ־ניזם אין איהר גאַנצער אַקטועלקייט. אַלע קאָודס זיינען אָרגאַניזירט ניט לויט פאַכען נאָר לויט אינדוסטריען, און עס איז אונמעגליך פאַר די אַרבייטער צו באַקומען פאַר־טרעטערשאַפט און אַנערקענונג אין די קאָוד־אויטאָריטיס סיידן זיי וועלן אויך זיין אָרגאַניזירט אינדוסטריעל. און געגן דעם אורטייל פון דער צייט קען זיך קיינער ניט שטעלן.

די לעצטע קאָנווענשאָן פון דער א. פ. אָוו ל. איז דער בעסטער באַווייז, ווי אמת עס איז דער אַלטער כלל, אַז וואָס דער שכל קען ניט אויפטאָן קומט די צייט און טוט יאָ אויף. צוויי רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען גע־וואָרען אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן, וואָס זיינען אַ קלאָרער אויסדרוק פון דעם גייסט פון דער צייט. איין רעזאָלוציע איז וועגען דעם, אַז דער עקזעקוטיוו קאָונסיל

מאנאמיע אין זייערע אינערליכע אנגעלעגנהייטן. דער צענטראליזם פון די „נייטס אוו לייבאר" האט זיך שוין געגרענעצט מיט דעספאטיזם; קיין איין יוניאן האט ניט געהאט קיין רעכט ארויסצוגעהן אין א סטרייק אהן דער גוטהייסונג פון די באאמטע פון דער צענטראלער קערפער־שאפט. פון דער אנדערער זייט, ווידער, זיינען פארשיי־דענע יוניאנס געצוואונגען געווארען פון די צענטראלע באאמטען ארויסצוגעהן אין סימפאטיע־סטרייקס אין די אינטערעסן פון פארשידענע ניט־ארגאניזירטע ארבייטער־עלעמענטן, וואס האט אפט געבראכט א סך שאדען די טרייד יוניאן־ארבייטער וועלכע זיינען געשטאנען אין קאנ־טראקטליכע פארבינדונגען מיט זייערע ארבייטס־געבער. די טרייד־יוניאניסטען האבן געפאדערט מעהר אויטא־נאמיע אין זייער אינערליכע אנגעלעגנהייטן. זיי הא־בען זייערע פאדערונגען צוגעשטעלט אין דער פארם פון א מעמאראנדום צו א קאנווענשאן פון דער „נייטס אוו לייבאר". דער דאזיגער מעמאראנדום איז זעהר ווארים רעבאטירט און צוריקגעוויזען געווארען. דעמאלט האבן זיך א צאהל טרייד־יוניאנס צוריקגעצויגען און געגרינדעט די „אמעריקען פעדערישאן אוו לייבאר" אין יאהר 1886.

די ערפאהרונג מיט דער „נייטס אוו לייבאר" האט געשטופט די טרייד־יוניאן באוועגונג פון איין עקסטרים צום אנדערען; אפברענענדיג זיך די פינגער אן דעם צו שטרענגען צענטראליזם און אינדוסטריאליזם פון דער „נייטס אוו לייבאר", איז די באוועגונג אוועק צום אנ־דערען עקסטרים, צו דער פולשטענדיגסטער אויטאנאמיע פון די אנגעשלאסענע אינטערנעשאנאלס, וואס דאס איז דער הויפט־פונדאמענט אויף וועלכען די „אמעריקען פע־דערישאן אוו לייבאר" איז געבויט.

***

די א. פ. אוו ל. איז ניט קיין צענטראלע ארבייטער־ארגאניזאציע אין דעם זין ווי מ'איז געוואוינט צו פאר־שטעהן די דאזיגע ווערטער. די פונקציעס פון דער פע־דערישאן זיינען באשטימטע און באגרענעצטע און זי קען ניט טאן קיין שום זאך אהן דער הסכמה פון די אנגע־שלאסענע אינטערנעשאנאלס. ניט זי האט וועלכע עס איז דעה ביים ארויסרופען און אנפיהרען סטרייקס, און ניט זי האט די מעגליכקייט צו ארגאניזירען די נאך ניט ארגאניזירטע אינדוסטריען. די איינציגע צייט ווען די פעדערישאן קען זיך אריינמישען אין א סטרייק איז בלויז דעמאלט, ווען די אינטערנעשאנאל וואס פיהרט דעם סטרייק לאדט איהר איין צו נעמען אן אנטייל, און געוועהנליך טוט עס אן אינטערנעשאנאל בלויז דע־מאלט ווען דער סטרייק איז שוין פאקטיש א פארלוירע־נער און זי האפט אז די פעדערישאן וועט דורך איהר איינפלוס אויף דער עפענטליכער מיינונג העלפען אפ־שרייען אדער פארקלענערען דעם דורכפאל; און די איינציגע צייט ווען די פעדערישאן קען אונטערנעמען אן ארגאניזאציאנס־קאמפאניע צו ארגאניזירען די ניט־ארגא־ניזירטע ארבייטער איז בלויז דעמאלט, ווען די אינטער־נעשאנאלס ערלויבען דאס איהר און גיבען איהר די געלט־מיטלען דערפאר.

די א. פ. אוו ל. איז א פארבאנד פון פארשידענע אינטערנעשאנאל יוניאנס, וועלכע זיינען פארבונדען צווי־שען זיך גאנץ לויז, פאר באשטימטע צוועקען — הויפט־זעכליך פאר פראפאגאנדע און פאר דער אפהיטונג פון זייערע יוריסדיקציע־רעכט. זי האט בלויז יענע רעכט, וואס די אינטערנעשאנאלס „דעלעגירען" איהר, אבער אזוי ווי די אינטערנעשאנאלס ווילען איהר ניט געבען ניט די מאכט זיך אריינצומישען אין זייער אינערליכען לעבען און ניט די געלט־מיטלען צו ארגאניזירען די ניט־ארגא־ניזירטע ארבייטער, איז זי פאקטיש ניט מעהר ווי א פראפאגאנדא־ביורא, וואס טוט די געמיינשאפטליכע „פוב־ליסיטי"־ארבייט פאר דער ארבייטער־באוועגונג בכלל, ווי אויך די ארבייט פון פאליטישער שתדלנות אין די אינ־טערעסען פון ארבייטער־געזעצגעבונג. ארגאניזאציאנעל האט די א. פ. אוו ל. כמעט קיין שום מאכט ניט.

עס איז פשוט געגארט זיך אליין צו ריידען פון דער א. פ. אוו ל. ווי וועגען א מעכטיגער ארגאניזאציע פון קארגע דריי מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער, ווייל די מאכט פון די דאזיגע ארבייטער איז בשום אופן ניט קאנ־צענטרירט אין דער פעדערישאן, ניט פאר פאליטישער אקציע און אויך ניט פאר עקאנאמישער. עס איז דער־בער פאלש צו פרואווען כאראקטעריזירען די פעדערישאן אלס קאנסערוואטיוו אדער פראגרעסיוו א. אז. וו. אין דער פעדערישאן זיינען אנגעשלאסען ארום 110 באזונ־דערע אינטערנעשאנעלס. צווישען זיי געפינען זיך אמת פראגרעסיווע ארגאניזאציעס, וועלכע זיינען ארגאניזירט אינדוסטריעל — ווי די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, די יונייטעד מיין וואירקערס און אנ־דערע — און אזעלכע, וועלכע זיינען ארגאניזירט לויט שטרענגע פאך־ליניעס, וואו עס איז א טאג־טעגליכע ער־שיינונג אז א טייל ארבייטער אין איין און דער זעלבער פאבריק בלייבען ביי דער ארבייט אין דער צייט ווען אן אנדער טייל סטרייקט. די פעדערישאן האט גארניט צו טאן מיט דעם; זי קען ניט זאגען קיין אינטערנעשאנאל ווי אזוי זי זאל זיין ארגאניזירט, אינדוסטריעל אדער לויט פאכען.

אלע רעפארמען אין דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג דארפען דורכגעפיהרט ווערען קודם כל אין די באזונדערע אינטערנעשאנאלס אידער זיי קענען געפינען א געמיינשאפטליכען אויסדרוק אין דער א. פ. אוו ל. דאס איז אמת סאי אין באצוג צו זעלבסטשטענדיגער פא־ליטישער אקציע, סאי אין באצוג צו אינדוסטריאליזם און סאי אין באצוג צו ארגאניזירען די מאסען ניט־ארגא־ניזירטע ארבייטער אין די פונדאמענטאלע אינדוסטריען.

דער יושר פאדערט צו אנערקענען, אז די א. פ. אוו ל. איז א סך פראגרעסיווער און מעהר קעמפעריש גע־שטימט ווי די גרויסע מעהרהייט פון איהרע אנגעשלא־סענע קערפערשאפטען. די פיהרערשאפט פון דער פעדע־רישאן האט אלעמאל פארשטאנען די נויטיגקייט פון ארגאניזירען די ארבייטער אין די מאסען־פראדוקציע אינ־דוסטריען. שוין מיט איבער דרייסיג יאהר צוריק האט גאמפערס אין א רעדע אויף דער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. אנגעוויזען, אז מ'מוז ארגאניזירען די ניט־קוואליפיצירטע ארבייטער, ווייל „דער קוואליפיצירטער ארבייטער פון נעכטען איז דער ניט־קוואליפיצירטער אר־בייטער פון היינט". אבער יעדער פארזוך מצד דער פעדערישאן צו ארגאניזירען די ניט־ארגאניזירטע שטויסט זיך אן אן דער גלייכגילטיגקייט און אפט געגנערשאפט פון די אנגעשלאסענע אינטערנעשאנאלס. פון די 110 אינטערנעשאנאלס זיינען 59 (מעהר ווי א העלפט) יונ־יאנס פון ארבייטער־ספעציאליסטען, וואס יעדע פון זיי האט ווייניגער ווי צעהן טויזענט מיטגלידער. צוזאמען מיט יענע אינטערנעשאנאלס, וועמעס כאראקטער און אויסבליק איז א ריין־פאכאווער, דערלאזען זיי ניט דער פעדערישאן אונטערנעמען קיין ערנסטע ארגאניזאציאנס־קאמפאניעס צו ארגאניזירען די ניט־ארגאניזירטע ארביי־טער, — ערשטענס דערפאר, ווייל אין א גרעסערער פעדע־רישאן וואלטען זיי פארלוירען זייער באדייטונג, אבער הויפטזעכליך דערפאר ווייל זייער יוריסדיקציע־רעכט איז ביי זיי וויכטיגער ווי די ארגאניזירונג פון נייע שיכטען ארבייטער.

יעדער פארזוך פון דער א. פ. אוו ל. ביז איצט צו ארגאניזירען די ארבייטער אין די מאסען־אינדוסטריען האט זיך אויסגעלאזען מיט א דורכפאל צוליב צווי אורזאכען: ערשטענס, גיבען די אינטערנעשאנאלס דער פעדערישאן ניט גענוג געלט־מיטלען פאר ארגאניזאציאנס־ארבייט אויף א גרויסען מאסשטאב. די צוועלף סענט א יאהר, וואס די פעדערישאן באקומט פון יעדען מיט־גליד, איז בלויז גענוג צו דעקען די געוויינליכע הוצאות, פאר ארגאניזאציאנס־ארבייט בלייבט דערפון ווייניג. עס איז גענוג אנצואווייזען, אז די א. פ. אוו ל. האט בלויז וועלכע 70 ארגאניזערס פאר'ן גאנצען לאנד, אין דער צייט ווען, צום ביישפיל, די קאמוניסטישע פארטיי האט 420 באצאהלטע ארגאניזערס, זעקס מאל אזוי פיל. צווייט־טענס, אזוי שנעל ווי די פעדערישאן ארגאניזירט א גע־וויסע צאהל ארבייטער מוז זי זיי צוטיילען צווישען די פארשידענע אינטערנעשאנאלס לויט די פאכען. האלטען זיי אנגעשלאסען דירעקט אן דער פעדערישאן קען זי נאר דעמאלט, ווען אין דעם באטרעפענדען פאך איז ניטא קיין ארגאניזירטע אינטערנעשאנאל יוניאן. סוף יאהר

„און מיר האָבן געדענקט, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ באַנטש אומוויסענדע, אומפאַראַנטוואָרטליכע אגיטאַטאָרס און טראַבעל מאַכערס, וואָס זיינען גערן צו רואינירן אונזערע ביזנעס", — האָט ער ענדליך געזאָגט.

„די אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר", — האָט לענגאָן איהם געענטפערט, — „האָט ניט צו טאָן מיט קיין אַנאַרכיסטען אדער רעוואָלוציאָנערען. אונזער יוניאָניזם איז קאָנסטרוקטיוו, ניט דעסטראַקטיוו. רואינירען אייערע ביזנעס פון וועלכע אונזערע לייטע מאַכען אַ לעבען? וואָס פאַר אַן אומזין."

ביסלעכווייז האָט לעפקאָורט אנגעפאַנגען צו ריידען וועגען די קאָנקורענץ וועלכע ער און מעהרערע מאַנופעקטשורערס ליידען פון די אומפאַראַנטוואָרטליכע מאַנופעקטשורערס פון דער איסט סייד, וועלכע פאַרקויפען זייערע וואָרע בחצי חנם. פון זיינע ווייטערדיגע רייד האָט מען געקענט פאַרשטעהן, אז מיין געשפרעך האָט אויף איהם געהאַט דעם געוואונשטען איינדרוק.

„אבער ווי קומט עס, אז איהר האַלט אין סעטלען מיט די קלענערע, אומפאַראַנטוואָרטליכע מאַנופעקטשורערס, וועלכע, ווי איהר אליין גיט צו, זיינען שעדליך פאַר דער אינדוסטרי?"

„אָבער אז איהר ווילט מיט אונז ניט סעטלען, און ווען מיר זאָלען זיך ענטזאַגין צו סעטלען מיט די, וואָס גיבען נאָך אונזערע פאָדערונגען, וועלען מיר דאָך צו קיין ענדע מיט'ן סטרייק ניט קומען. מיר פאַרשטעהען אז די יעצטיגע סעטעלמענט איז פון אַ קנאַפער ווערדע. אָבער אויב אייער אַסאָסיאײשאָן וועט ניט ענדערען איהר יעצטיגע שטעלונג וועלען זייערע שעפער ווערען גרעסער און אייערע קלענער".

„אַלעס וואָס איהר האָט ביז יעצט גערעדט איז זעהר שעהן און לאָגיש", — האָט לעפקאָורט געזאָגט, — אבער די מאַסע, זי איז ווילד, רעוואָלוציאָנער. מיט אזא מאַסע קען קיינער גאָר ניט אויספיהרען, קיין קאָנסטרוקטיווע אַרבייט ניט אויפטאָן".

„מיר קענען אייך פאַרזיכערען, אז אַלץ וואָס עס קומט יעצט פאָר איז דער רעזולטאַט פון פאַרזיכטיגע, אויסגעאַרבייטע פּלענער. אויבערפלעכליך זעהט עס אויס כאַאָטיש, אָבער הינטער די אַלע גוואַלדען און געפילדער שטעהט אַ פעסטגעשטעלטע אָרגאַניזאַציע, אַ דיסציפּלינירטע מאַסע, וואָס פאָלגט אויס אָרדערס פון פאַראַנטוואָרטליכע לידערס וועלכע דאָמינירען די סיטואַציע."

„אויב איהר קאָנט אונז איבערצייגען אז איהר דאָמינירט די סיטואַציע און די מאַסע פאָלגט אייערע אָרדערס, דאַן פון מיין זייט נעם איך זיך אונטער צו ווירקען אויף מיין עקזעקוטיווע צו יעדער צייט זאָפאָרט אָנצופאַנגען מיט אייך פאַרהאַנדלונגען צו ענדיגען דעם סטרייק. אויב איהר קענט אונז איבערצייגען אז איהר דאָמינירט די סיטואַציע, ווען איהר וועט געבען אַן אָרדער מאָרגען פריה, אז די אַרבייטער פון די געסעטעלטע שעפער זאָלען ניט געהן צו דער אַרבייט, — אויב דאָס וועט געשעהן, קענט איהר קומען מאָרגען 1 אזייגער אין אונזערע העדקוואָרטערס און מיר וועלען אייך לאָזען וויסען די צייט ווען די קאָנפערענצען וועלען זיך אָנפאַנגען."

אויף מאָרגען 6 אזייגער אין דער פריה בין איך שוין געווען אין דעם פּולנעפּאַקטען מיטינג האַל פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע. איך האָב זיי איבערגעגעבען מיין געשפרעך מיט לעפקאָורט'ן און דעם אָפּמאַך וועגען ניט צולאָזען די אַרבייטער פון די געסעטעלטע שעפער געהן צו דער אַרבייט. איך האָב ערקלערט מיין מיינונג, אז די אַלע ביזאַהעריגע סעטעלמענטס מיט די קליינע קאָקראָוטש באָסעס זיינען ווערטלאָז, אז די אַסאָסיאײשאָן איז די דאָמינירענדע מאַכט אין דער אינדוסטרי און דאָס ביי דעם יעצטיגען מאָמענט מוזען מיר זיי צייגען אז זיי האָבען צו טאָן מיט אַן אָרגאַניזירטע מאַכט, מיט אַ פאַראַנטוואָרטליכע לידערשיפּ, וועלכע רעאַגירט אויף דער סיטואַציע.

אין האָל איז געוואָרען אַ געוואַלד, אַ ליאַרם, אַ געפילדער. „אונזערע אידישע באַלעבאַטים זיינען גנבים און טריקסטערס, זיי ווילען צוברעכען אונזער סטרייק. דייטש גלויבט אַלעס וואָס זיי זאָגען. לעפקאָורט איז אַ זשוליק. דייטש מיינט אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט גויאישע באַלעבאַטים ביי וועמען אַ וואָרט איז אַ וואָרט. אויף אונזערע אידישע באַלעבאַטים, אויף זייערע ווערטער, טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזען".

נאָך דעם ווי דער עולם האָט זיך גענוג אָנגעשריען האָט זיך אָפּגעשטעלט אַב. ראָזענבערג און האָט אַ געשריי געטאָן: „שאַ! שרייט נים. זאָל ווערען שטיל. איך ווייס, אז אונזערע באַלעבאַטים זיינען אַ באַנטש גנבים און זשוליקעס און לעפקאָורט וויל אונז אָפּטאָן אַ שפּיצעל, אָבער מיר קענען זיי ווייזען, אז מיר האָבען פאַר זיי מיט זייערע טריקס קיין מורא. אזוי לאַנג אז אונזערע לייט זיינען מיט אונז האָבען מיר זיי אין דר'ערד. אדרבה, לאָמיר זיי איבערצייגען אז מיר זיינען אנשטענדיגע מענשען און זיי זיינען אַ באַנטש פון שווינדלער. שיקט ארויס פּיקעטס און סטאָפּט אָפּ די אַרבייטער פון די געסעטעלטע שעפּער. דערמיט וועלען מיר זיי צייגען אז מיט טריקס קענען זיי אונז ניט באַזיגען".

ראָזענבערג'ס רעדע האָט דעם עולם גענומען. פּיקעטס זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען צו סטאָפּען די געסעטעלטע שעפּער.

אום איינס אזייגער זיינען מיר געווען אין די העדקוואַרטערס פון דער אַסאָסיאײשאָן און האָבען פאַרלאַנגט צו זעהן לעפקאָורט'ן. לעפקאָורט איז ארויס, האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אז ער קען אונז גאָר נים. „אַי דאָנט נאָו יו עט אָל". ער האָט זיך אומגעקערט און האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

מיר זיינען געבליבען שטעהן ווי אָפּגעשמיסענע. בלאָק איז באַלד אוועק אָנזאָגען ראָזענבערג'ן וואָס דאָ האָט פּאַסירט. די אַרבייטער פון די געסעטעלטע שעפּער האָט מען געשיקט צוריק צו דער אַרבייט. וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם נאָכמיטאָג ווייסט איין גאָט אַליין.

נאָך אזא פּיאַסקאָ האָב איך ניט געהאַט דאָס האַרץ צו ווייזען מיין פּנים אין די סטרייק העדקוואַרטערס. איך בין אוועק אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָנעל. דאָרטען האָב איך קיינעם ניט געפונען. פינסטערע געדאַנקען זיינען מיר דורכגעגאַנגען דורכ'ן קאָפּ. וואָס טוט מען, וואו טו איך זיך אַהין? אוועקשטעהן פון סטרייק אין איצטיגען מאָמענט, — ווי וועט עס אויסזעהן? צוריק געהן צו די סטרייק העדקוואַרטערס איז ווידער פאַר מיר אוממעגליך.

איך געדענק ניט וויפיל שטונדען איך האָב אזוי פאַרבראַכט אַליין אין אָפיס פון דער אינטערנעשאָנאַל. פּלוצלונג קומען אריין ס. פּאָליאַקאָוו און מאָריס לידער, פאַרסאָפּעטע.

„מיר לויפען ארום שוין עטליכע שטונדען איבער די האָלס. וואָס טוסטו דאָ אַליין אין אָפיס? אין די העדקוואָרטערס דאַרף מען דיך נייטיג האָבען".

ביידע האָבען מיך מיט געוואַלט ארויסגעריסען פון אָפיס און מאָריס לידער, וועלכער האָט אין דער פריה געהאַלטען אין איין שרייען אז ער איז זיכער אז לעפקאָורט האָט מיט זיין אָפּמאַך מיט מיר ניט געהאַט קיין אנדער אבזיכט ווי צו שעדיגען דעם סטרייק, האָט יעצט געהאַלטען אין איין פאַרזיכערען מיך, אז דער אָפּסטאָפּען די געסעטעלטע שעפּער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער שריט פון אונזער זייט, צו צייגען די באַלעבאַטים אז זיי זיינען זשוליקעס און מיר האָבען פאַר זייערע טריקס קיין מורא נים.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט אז לעפקאָורט האָט טאַקע געטרייעט זיין בעסטעס צו באַוועגען זיין עקזעקוטיווע אָנצופאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט אונז, אָבער דאָרטען זיינען געווען געוויסע פּערזאָנען וועמען עס איז ניט אָנגעשטאַנען אז די איניציאַטיווע פון אַ סעטעלמענט זאָל קומען ניט פון זיי. לעפקאָורט, ווידער, וועלכער האָט זיך פאַר אונז באַריהמט אז ער איז דער דיקטאַטאָר פון דער אַסאָסיאײשאָן, האָט ניט געפּאַסט צוצוגעבען אז דאָס איז פון זיין זייט געווען פּוסטע באַרימעריי.

עד היום ווען איך דערמאָן זיך אָן דיזען שרעקליכען טאָג נעהמט מיר אריבער אַ קעלט איבער די גלידער.

דער שרעקליכסטער טאָג אין מיין לעבען

פון דזשאהן א. דייטש

דאס האט פאסירט אין מאָנאט אויגוסט 1910. אין פארלויף פון היסטאָרישען גענעראל סטרייק פון די ניו יאָרקער קלאָוקמאכער איז צו מיר געקומען א געוויסער מר. ד. פאָוזנער, א באַקאַנטער יוניאָן דרעס מאַנופעקטשורער און האט מיר ערקלערט, אז ער איז נאָהענט באַקאַנט מיט לעפקאָרט'ן, דעם פרעזידענט פון די קלאָוק מאַנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן, וועלכער האט אויסגעשפראָכען א פארלאנג זיך צו באַקענען מיט די פיהרער פון סטרייק און הערען פון זיי אליין וועגען וואס און פארוואס דער סטרייק איז ארויסגערופען געוואָרען, און אויב מיר זיינען איינשטימיג, קענען מיר זיך טרעפען מאָרגען אָוונט אין ניקערבאָקער האָטעל, וועלכער האט זיך דאן געפונען אויף דער זיבעטער עוועניו און 42טע סטריט.

איך האב דורך פאָוזנער'ן געלאָזט וויסען לעפקאָורט'ן, אז אזוי ווי פריהער אדער שפעטער וועלען די בעאמטע פון דער אסאָסיאיישאָן געפינען פאר נויטיג צו קאָנפערירען מיט די סטרייק־פיהרער, איז דארום ראטזאם, אז די באַטרעפענדע פערזאָנען זאָלען זיך באַקענען וואס פריער.

נעקסטען אָוונט בין איך געקומען אין האָטעל ניקערבאָקער מיט דזשאהן ב. לענאָן, דעם טרעזשורער פון דער אמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וועלכען גאָמפערס האט אונז געשיקט צו העלפען פיהרען דעם סטרייק און אלעקסאנדער בלאָק, א מעמבער פון קאַטערס לאָקאל 10 (צו יענער צייט איז ענגלישי געווען א פרעמדע שפראך ביי אונזערע יוניאָן לידערס).

נאָכדעם ווי מר. פאָזנער האט אונז פארגעשטעלט האט ער ארויסגענומען א פאפיר, אין וועלכען ער האט פארשריבען אייניגע פונקטען, אויף וועלכע ער האט געגלויבט צו קענען סעטלען דעם סטרייק. איך האב געבעטען פאָוזנער'ן ער זאָל פארלויפיג האלטען דעם שריפט ביי זיך און האב זיך געווענדעט צו לעפקאָורט'ן אומגעפער מיט פאָלגענדע ווערטער:

דאָ האנדעלט זיך ניט בלויז וועגען א פראגע צו סעטלען א סטרייק אויף געוויסע פונקטען. די באוועגונג, וועלכע מיר רעפרעזענטירען, האט פאר איהר אבזיכט צו לייזען א וויכטיגע סאָציאלע פראָבלעם אין דער קלאָוק אינדוסטריע. דער אבזיכט פון דיזער באוועגונג איז אָפּצושאפען דעם שרעקלאכען באָס וואס עקזיסטירט אין אונזער טרייד. אונזער אבזיכט איז צו אמעריקאניזירען די קלאָוק אינדוסטריע. אין דער טעגליכער פרעסע האלט איהר אין איין ערקלערען, אז איר „אמעריקען מאנופעקטשורערס" ווילט ניט האבען צו טאָן מיט אונז „פאראירנערס", אימיגראנטען פון ריקשטעהענדע לענדער פון „איסטערן יוראָפּ". אונזער אבזיכט איז אז די אינדוסטריע זאָל אנגעפיהרט ווערען אויף דעם זעלבען ארט ווי אלע אמעריקאנער אינדוסטריעס ווערען אנגעפיהרט אין גאנץ אמעריקע. אין אלע פאבריקען און שעפער איז דאָ אזא זאך ווי „עי דעי אָוו רעסט" — איז עס ניט ריכטיג, מר. לענאָן? — האב איך זיך געווענדעט צו לענאָן, א הונדערט פראָצענטיגער יענקי, וועהרענד אין אונזער אינדוסטריע ווייסט מען ניט פון קיין שבת, פון קיין זונטאג, שוין ניט ריידענדיג פון קיין ליגעל האָלידעיס. אין ביזי צייט ארבייט מען טאָג און נאכט.

איבעראל אין אמעריקע ווייסט מען פון אן ארבייטס־טאָג, פון באשטימטע ארבייטס־שטונדען, ביי אונז אבער ארבייט מען „אל דהי האורס דהאט גאד גייוו". עס מוז אפגעשאפט ווערען די שענדליכע סיסטעם פון „האום וואָירק". ווען „אמעריקען מאנופעקטשורערס" געהען אהיים, מוזען די ארבייטער צונעמען מיט זיך די נאכמענטס אהיים, וואו זיי און אפטמאָל מיט דער הילף פון די פרויען און קינדער, ארבייטען ביז שפעט אין דער נאכט.

עס מוז אויך אפגעשאפט ווערען די סיסטעם פון אינסייד קאָנטראַקטינג, וואו דער ארבייטער ווע־ט געיאָגט און געטריבען פון זיינע אייגענע ברידער, וועלכע צאָהלען זיי א הונגער־לוין און אליין נעמען זיי אהיים א פעטען „פּעיענוועלאָפּ". און נאך פילע איבלען, ווי צום ביישפיל, דאס צאָהלען פאר סילק און קאטען, געבען דעפּאזיטס פאר מאשין טיילען און אין פילע פלעצער ברויכען די ארבייטער ברייגנען אין שאפ זייערע אייגענע מאשינען, עטוואס וואס איז נאך ניט געהערט געוואָרען אין דיזען לאנד.

מיר ווילען מאכען אן ענדע פון דעם שטענדיגען סעטלען און ריסעטלען פרייזען פאר גארמענטס. פון אנפאנג סיזאן ארבייט מען פאר פרייזען וועלכע דער באָס באשטימט. ווען עס ווערט אין שאפ מעהר ארבייט פארלאנגען די ארבייטער העכערע פרייזען. ווען עס ווערט ביזי, סטאפען די ארבייטער און פארלאנגען ווידער העכערע פרייזען. ווען דער ברען פון סיזאן געהט אריבער הייבען די באלעבאטים אן צו שניידען די פרייזען.

אבער זייענדיק גוט באַקאנט מיט דעם מענשליכען עלעמענט וועלכער איז באשעפטיגט אין אונזער אינדוסטרי און דעם אלגעמיינעם צושטאנד אין קלאוק טרייד, פארשטייען מיר אז דורכצופירען דיזע אלע נויטיגע רעפארמען אין דער אינדוסטרי וועלכע זיינען נויטווענדיג ניט נאָר פאר די ארבייטער נאָר אויך פאר דעם פאראנטוואָרטליכען, פארמעגליכען ארבייטסגעבער, מוז געשאפען ווערען א שטארקע יוניאָן און א שטארקע מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן, אז בלויז דורך די קאָאפעראציע פון די ביידע קערפערשאפטען קען די אינדאָסטרי סטאביליזירט ווערען און די ארבייטס באדינגונגען אויסגעגליכען ווערען. מיר פארשטייען אז די יוניאן אליין, זאגאר ווען דער סטרייק זאָל זיין א הונדערט פראצענטיגער זיג, וועט עס ניט ערדייכען און וועט ניט זיין אימשטאנד עס אנצוהאלטען א לענגערע צייט.

איך האב אינטענסיוו נאָכגעפאלגט דעם עפעקט וואס מיינע ארגומענטען האבען געהאט אויף מיין צוהערער. אלעם איז פאר זיי געווען אזוי ניי, אזוי אונערווארטעט. באזונדערס איז ער איבעראשט געוואָרען פון דער אידעע אז די אינדוסטרי פאָדערט ניט נאָר א שטארקע יוניאן נאָר אויך א שטארקע מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן.

א רעכטע צייט איז ער געזעסען און האט א וואָרט ניט גערעדט.

זאָל פארגרעסערט ווערען, שאפענדיג פלאץ פאר פארטרעטער פון די גרויסע מאסאָווע ארגאניזאציעס, ווי די יונייטעד מיין וואָירקערס און די אינטערנעשאנאל לידים גארמענט וואָירקערס יוניאָן. כאטש דער עקזעקוטיוו קאונסיל קען ניט האבען מעהר רעכט ווי די פעדערײשאָן גופא האט, ווערט אבער מיט זיין אויסברייטערונג אָפּגעשוואכט דער איינפלוס פון די פאך־יוניאָנס אין דער פעדערײשאָן. די וויכטיגסטע רעזאָלוציע איז אבער די צווייטע, וועלכע ערלויבט דער פעדערײשאָן צום ערשטען מאָל אין איהר געשיכטע ארויסצוגעבען טשארטערס צו נייע יוניאָנס, ארגאניזירט לויט אן אינדוסטריעלען פלאן, אין אזעלכע מאסען־פראָדוקציע אינדוסטריען ווי שטאָל, אויטאָמאָבילען, צעמענט, אלומינום א. א.

באוואָפענט מיט אָט דער נייער מאכט, וואס די קאָנווענשאָן האט איהר געגעבען, איז דאָ א גוטע האָפנונג, אז די א. פ. אָוו ל. זאָל קענען אויסנוצען די געלעגענהייט, וואס די ען־אר־עי האט געשאפען צו ארגאניזירען נייע שיכטען ארבייטער, וועלכע זיינען קיינמאָל פריהער ניט געווען ארגאניזירט. אויב עס זאָל געלינגען דער פעדערײשאָן צו ארגאניזירען אין דער נאָהנטער צוקונפט באדייטענדע טיילען פון די ארבייטער אין די מאסען־אינדוסטריען, וועלען מיר ווירקליך דערלעבען צו זעהן דעם אנפאנג פון א נייעם גלאָררייכען קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג.

ריידענדיג וועגן מאַסקראַט, מוז מען שוין ניט ווילענדיג זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגן דער שוואַרץ־חנ׳עוודינער האָדסאָן־סיל, וועלכע האַלט זיך פאַר אַ יחסנ׳טע גענען דער מאַסק־ראַט. און דאָ מוז איך אייך ווידער אויסזאָגען אַ סוד. אַט די יחסנ׳טע, די האָדסאָן־סיל, איז ניט מעהר ווי אַ פאַרשטעלטע מאַסקראַט, וועלכע האָט געקראָגען אַ העיר־קאַט און וועמען מען האָט אָפּגעפאַרבט אויף שוואַרץ. לאָמיר ריידען דייטליכער: האָדסאָן סיל ווערט געמאַכט פון מאַסק־ראַט. די שטעכיגע ליינגליכע קאָר ווערט געשאָרען קירצער, זי ווערט געפאַרבט אויף שוואַרץ, אחוץ די אַנדערע פּראָצעסען וואָס זי געהט דורך — וועגען וועלכע מיר וועלען שפּעטער ריידען — און אויף אַזאַ אַרט ווערט זי פאַרוואַנדעלט אין אַ האָדסאָן סיל. אַ האָדסאָן סיל קאָוט קאָסט אַ סך טייערער ווי אַ מאַסקראַט קאָוט. די אורזאַך דערפון קען שוין דער לעזער אַליין פאַרשטעהן ווען ער רעכענט די ארבייט פון שערען און פאַרבען די מאַסקראַט.

און אַז מען רעדט שוין וועגן פאָר, ווי קען מען באַליידיגען די סקוואָירעל (אויף אַמעריקאַנער אידיש: סקווערעל, און אין דער אַלטער היים — פעי, וועלכע איז אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דער פאָר אינדוסטריע, און ניט דערמאָנען וועגען איהר אַ וואָרט?

סקוואָירעל קומען פון אַלע לענדער פון דער וועלט. אָבער פאַר דער פאָר אינדוסטריע זיינען וויכטיג בלויז די וועלכע ווערען אימפּאָרטירט פון אייראָפּא, קאַנאַדע און אַזיע. רוסישע סקוואָירעל פעל אונטערשיידען זיך אין קוואָליטעט און גרויסקייט, לויט דעם געגענד פון וואַנען זיי קומען.

די קאָלירען פון דער סקוואָירעל זיינען געוועהנליך טונקעל־גרוי אויפ׳ן רוקען און מיט אַ ווייסער בייכעל. עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע וועלכע האָבען אַ טונקעל־ברוינעם רוקען מיט אַ געלבליכען בייכעל. סקוואָירעלס פון אַ שעהנעם שטאָל־בלויען קאָליר, קומען פון טאָבאָלסק, יאַקוטסק און אָקשאָטסק אין רוסלאַנד.

סקוואָירעל קאָוטס ווערען געמאַכט בלויז פון די רוקענדלאַך פון די פעל. די בייכעלאַך ווערען אַרונטערגעשניטען, געפאַרבט און פון זיי ווערען געמאַכט דזשעקעטס. מעהרסטענס ווערען זיי געפאַרבט אויף אַזאַ קאָליר, אַז זיי זאָלען אויסקוקען ווי זומער אוירמאַין (הערמאַלין) — קרים קאָליר.

איצט וועלען מיר רופען צום פסוק דעם הערר ראַקון. קאָוטס פון ראַקון ווערען געטראָגען מעהרסטענטייל פון יונגע מיידלאַך. און די מיידלאַך וועלכע זיינען קיילאכדיג און פּוכקע קענען זיך בשום אופן ניט פאַרגינען צו טראָגען ראַקון קאָוטס, ווייל די האָר פון דעם ראַקון זיינען לאַנגע און אַ פעטלאַכע פרוי טוט זיך אָן אין אַ ראַקון קאָוט, קוקט זי אויס ווי אַ בער, וועלכער האָט זיך צופעליג אַרויסגעריסען פון בראָנקס פאַרק „זו".

דער אַלגעמיינער אויסזעהן פון ראַקון איז טונקעל־גרוי, מיט אַ זעהר טונקעלען שטרייף אויפ׳ן רוקען פון דער פעל. די איינצעלנע האָר זיינען שוואַרץ, געמישט מיט ווייס און דערפאַר אייגענטליך קוקען די ראַקון פעל אויס גרוי. די ראַקונס קומען פון נאָרט אַמעריקע און פון מעקסיקאַ. הויפּטזעכליך פון די צפונ׳דיגע און דרום׳דיגע טיילען פון די פאַראייניגטע שטאַטען.

און איצט וועלען מיר געבען אַן עליה דעם קלאַס פאָר, מיט וועלכען אייער באָס׳ ווייב און זיין טאָכטער גוידערען זיך און שטאָלצירען. דאָס איז דער סאָרט פאָר צו וועלכען מען דאַרף האָבען ניט בלויז אַ געשמאַק און אַן אַפּעטיט, נאָר אַ פעטען פאַקעטבוך אויך.

דאָס זיינען פּוירזשען לעמב, קאַראַקולס, בראָדטייל, מינק און להבדיל, צעהן מאָל להבדיל, ראָשען סייבל.

פּוירזשען לעמב, קאַראַקול און בראָדטייל קומען אַלע פון דער זעלבער משפּחה. דאָס איז די „שיפּ" (שעפּסען) פאַמיליע.

פּוירשען לעמב ווערט אין דער אַלטער היים גערופען קאַראַקול. אָבער דאָ אין אַמעריקע ווערט מיט׳ן נאָמען קאַראַקול באַצייכענט איינגאַנצען אַנאַנדער סאָרט פעל, כאָטש זיי קומען פון דער זעלבער פאַמיליע. פּוירשען לעמב קומט הויפּטזעכליך פון אַפגאַניסטאַן און פערסיע. דער קאָליר פון דער פעל איז כמעט אַלעמאָל שוואַרץ, מיט אַ נעדריכטען זיידענעם באַראַשיקעל, וועלכער זעהט אויס ווי אַ פאַרפעל. און וועלכער איד ווייס עס ניט ווי פאַרפעל זעהט אויס? פון צייט צו צייט געפינט זיך אַ גרויע אָדער טונקעל־ברוינע פעל צווישען פּוירזשען לעמב, אָבער דאָס זיינען זעלטענהייטען.

איינע פון די שעהנסטע פאָר איז בראָדטייל. די האָר פון דער פעל איז זייער קורץ און פלאַך און ענטהאַלט די פּראַכטפולסטע מאָרעי מוסטערן. ווען די שעהנע מוסטערען וועלכע פאָרמירען זיך אויף די פענסטער אין גרויסע ווינטערדיגע פרעסט, וואָלטען געווען גלאַנציגשוואַרץ, וואָלטען זיי דאַן אויסגעזעהען ווי בראָדטייל.

בראָדטייל איז אייגענטליך, אָדער אַ טויט־געבאָרענער פּוירזשען לעמב, אויף וועלכען די באַראַשיקלאַך האָבען נאָך ניט געקענט אָנוואַקסען, אָדער יונג־דער׳הרגעטע פּוירזשען־לעמבס. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די פעל פון אַ בראָדטייל איז פיל קלענער ווי אַ פּוירזשען לעמב.

און איצט קומען מיר צו קאַראַקולס. קאַראַקול, ווי געזאָגט, קומט פון דער שעפּסען פאַמיליע. די פּראַכטפולסטע קאַראַקולס ווערען געבראַכט פון רוסלאַנד. זיי קומען פון טאַשקענט און פון געוויסע צפונ׳דיגע טיילען פון רוסלאַנד. די קאַראַקולס וואָס שטאַמען פון טאַשקענט האָבען אַ פּראַכטפולען גלאַנץ און די שעהנסטע זיירדענע האָר־מוסטערן. די האָר פון אַ קאַראַקול זעהט אויס ווי פלאַך־געפּרעסטע לעקעלאַך (קוירלס) פון זייד. עס זיינען פאַראַן קאַראַקולס אין פאַרשידענע קאָלירען: ברוין, שוואַרץ, ברוין געמישט מיט שוואַרץ, אָדער ברוין געמישט מיט ווייס און אַמאָל איינגאַנצען ווייס. קאַראַקולס ווערען אויך געפונען אין כינאַ און אין מאָנגאָליא. זיי זיינען אָבער ניט אַזוי שעהן ווי די רוסישע, ווייל זיי האָבען גרעבערע האָר און די קוירלס זיינען פיל לויזער און שיטערער. אויך אין די פאַראייניגטע שטאַטען ווערען ביז אַ געוויסען גראַד געהאָדעוועט קאַראַקולס, אָבער מיט די רוסישע קענען זיי זיך ניט פאַרגלייכען.

דערפאַר האָט זיך אַמעריקע ניט וואָס צו שעמען ווען עס קומט צו מינק. די בעסטע און שענסטע מינקס געפינען זיך דאָ אין לאַנד און די אַנדערע לענדער מעגען ביי אונז די פעטשערעס הייצען אויף דעם געבוים. די אַמעריקענער מינקס זיינען פון אַן איידעלען ליכטיגברוינעם קאָליר אָדער פון אַ רייך־טונקעל ברוינעם קאָליר, מיט לאַנגע גלאַנציגע האָר. די אַנדערע לענדער, פון וואַנען מינקס ווערען אימפּאָרטירט, זיינען: אייראָפּאַ, יאַפּאַן, כינאַ און קענעדע. די כינעזישע מינק ווערט געוויינליך אָנגערופען „טשאַיניז וויזעל", אָדער „שענטאַנג וויזעל", און זיי זעהען אויס ווי יאַפּאַנעזישע מינק, וועלכע האָבען אַ טונקעלען רויטליכען קאָליר. אַ גוטער מינק קאָוט דאַרף נאָך היינט צו טאָג, מיט די קריזיס־פּרייזען, קאָסטען אַרום פינף און צוואַנציג הונדערט דאָלאַר.

זאָל זיין שאַ־שטיל! איך נעה איצט פאָר אייך אַרויספיהרען דעם קעניג פון דער פוטער פאַמיליע, דעם סעיבעל אַליין, בכבודו ובעצמו. סעיבעל איז די קאָסטבאַרסטע פאָר אין דער וועלט. די פּרייזען פון אַ סעיבעל קאָוט זיינען צווישען פינף און צוואַנציג און פינף און דרייסיג טויזענט דאָלאַר. סעיבעלס קומען הויפּטזעכליך פון רוסלאַנד און טיילווייז פון דרום אַזיע. דער רוסישער סעיבל האָט פיינע, זעהר געדיכטע און ווייכע אונטערשטע האָר. די אויבערשטע האָר איז גלייך און רעגעלמעסיג, פיין און זיידיג. דער קאָליר איז פאַרשידען. איהר געפינט סעיבעלס פון אַ בלייכען געלבליכען קאָליר ביז אַ רייכען טונקעל־ברוינעם קאָליר, וועלכער פאַלט אַריין אין אַ בלויליכען טאָן. אָבער צו וואָס פאַרלירען צופיל פלאַץ פאַר׳ן סעיבעל, אַז דערווייל קענט איהר בלויז חלומ׳ען וועגען דעם.

ווען אַ חיה׳לע וואָלט געקענט אָנקוקען איהר אייגענע פעל, ווען עס קומט שוין אָן צום קאָסטאָמער, וואָלט זי עס בשום אופן ניט דערקענט. און וואָס איז דען דער וואונדער? איידער די פעל ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ קאָוט, געהט עס דורך אַ גאַנצע רייהע פּראָצעסען, וואָס אויסצורעכענען זיי אַלע דאָ וואָלט געווען אוממעגליך צוליב דעם באַשרענקטען פּלאַץ. איך וועל דעריבער בלויז

די פּאָר אינדוסטריע אין אמעריקע

פון האראָלד גאָלדשטיין

אזוי ווי די פּאַריערס יוניאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען שאַרכענען צו דער אינטערנעשאָנעל און א סך האָפען, די פּאַריערס וויינינגסטענס, אז ענדליך וועט דער שידוך געשלאָסען ווערען, דענק איך, אז עס וועט זיין ניט איבעריג באַקאַנט צו מאַכען די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאָנעל מיט דער פּאָר אינדוסטריע.

די פּאָר אינדוסטריע היינט צוטאָג איז כמעט אויסשליסליך א פרויען־קליידער אינדוסטריע.

עס איז געווען אמאָל א צייט — און גאָר ניט לאַנג צוריק — ווען א באַדייטענדער טייל פון דער אינדוסטריע, פלעגט זיך אָפּגעבען מיט פּראָדוצירען פוטערנע אונטערשלאַקען און קאָלנערס פאר מענערשע מאַנטלען. עס זיינען דאַן געווען א היבשע צאָהל אַזעלכע שעפּער, וועלכע פלעגען באַשעפטיגען א גאַנץ נישקשה'דיגע צאָהל בעל־מלאכות ביי אָט דער סאָרט ארבייט. די לעצטע צעהן־צוועלף יאָהר איז אָבער אָט דער טייל פון דער אינדוסטריע, וועלכער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט מאַכען „פּאָר לאַיינינגס" כמעט אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען. עס איז איצט שווער צו געפינען אפילו איין־איינציגען שאָפּ וואָס מאַנופעקטשורט פּאָר לאַיינינגס פאר מענערשע מאַנטלען.

די פּאָר אינדוסטריע איז ביי היינטיגען טאָג אָנגעוויזען נאָר אויפ'ן חסד פון דער פרוי. איהר געשמאַק און קאַפּריז קענינט אומגעשטערט אין דער וועלט פון פוטער. און אז די פרוי זאָל נאָר וועלען, קען זי מיט איין מאַך מיט דער האַנט חרוב מאַכען די גאַנצע פּאָר אינדוסטריע. עס איז אָבער ניטאָ וואָס מורא צו האָבען... זי, די דיקטאַטאָרשע איבער דער פוטער קעניגרייך, וועט עס מסתמא ניט טאָן, ווארום א העכסט־וויכטיגער טייל פון איר גאַרדעראָבע זיינען נאָך אַלץ איהרע פוטער־זאַכען אין דער היינטיגער ציוויליזאַציע.

דער ערשטער און וויכטיגסטער ארטיקעל אויפ'ן צעטעל איז נאַטירליך דער פּאָר־קאָוט. נאָכהער קומט דער פּאָר־דזשעקעט (קורצער מאַנטעל), וואָס ווערט געוויינליך געטראָגען אין הערבסט און אין אָנפאַנג פריהלינג. דאַן קומט דער „סקאַרף" אָדער „נעק־פּיעס", וועלכען די דאַמען (די וואָס קענען זיך פאַרגינען דעם פאַרגעניגען) טראָגען אויפ'ן צאַרטען האַלז. נו, און וואו איז די „מאַף" (מופטע), וועלכע באַשיצט די אידעלע פרויען־הענטעלאַך נעגען דער רחמנות'לאָזער קעלט? — דאָס ווערט דאָך אויך געמאַכט פון פּאָר. אויסער דעם, ווערען די פרויען קלאָטה־קאָוטס באַפּוצט מיט פּאָר טרימינגס, ווי קאָלערס, קאַפּס אזו א. וו. לעצטענס האָבען זיך שוין באַוויזען אויף די גאַסען אפילו סקוירטס געמאַכט פון פּאָר, וועלכע זעהען אגב אויס גאַנץ שעהן אויך.

און אז מען רעדט שוין פון פּאָר פּראָדוקטען, איז דאָ נויטיג צוצוגעבען נאָך עטליכע ארטיקלען וואָס ווערען געמאַכט פון פּאָר. ערשטענס, די פּאָר לאַיינינגס פאר הענטשקעס, און, צווייטענס, די אָנגעשטאָפּטע שפּילצייג חיה'לאַך וועלכע ווערען געמאַכט פון פּאָר. די לעצטע אינדוסטריע איז א שפּאָגעל־נייע, וועלכע האָט אויפגעבליהט מיט אמאָל מיט עטליכע יאָהר צוריק און האַלט שוין טאַקע באַלד ביים פאַרשווינדען. הונדערטער טויזענטער אַזעלכע חיה'לאַך, ווי הינטעלאַך, קעצעלאַך און קראָליקעס, אָנגעשטאָפּט מיט זעג־שטויב (סאָ־דאָסט) זיינען פּראָדוצירט געוואָרען אין די לעצטע עטליכע יאָהר פון ראָל און טאַי מאַנופעקטשורערס.

די פאַרשידענסטע מינים פּאָר, וועלכע ווערען געבראַכט פון די פאַרוואָרפענסטע ווינקעלאַך פון אונזער זינדיגער ערד, ווערען באַנוצט אין דער פּראָדוקציע פון דער פּאָר אינדוסטריע כדי צו באַפרידיגען דעם מאַיעסטעטישען פאַרלאַנג פון דער פרוי.

אויף אויסצורעכענען די נעמען פון די אַלע סאָרטען פעל, וועלכע ווערען באַנוצט אין דעם פּאָר טרייד, וואָלט מען געדאַרפט פאַרנעמען כמעט א האַלבען נומער פון „גערעכטיגקייט". אָבער אזוי ווי דער רעדאַקטאָר פון „גערעכטיגקייט" איז נאָך ניט גרייט דערוויל צו מאַכען פון דעם זשורנאַל א פּאָר דיקשאָנערי, וועל איך דאָ בלויז דערמאָנען איינינע פון די וויכטיגערע פּאָר וועלכע ווערען מעהר אָדער ווייניגער אַלגעמיין באַנוצט.

מיר וועלען אָנהויבען מיט דעם אָרימאַנ'ס פּאָר־קאָוט — סילין. סילין איז געוויינליך שוואַרץ און באַצוועקט צו זיין אן „אימיטיישאָן" פון האָדסאָן־סיל, וועלכער איז א טייערער פּאָר. ווי דער לעזער ווייסט, איז ניטאָ אַזאַ חיה וואָס הייסט סילין. סילין קאָוטס ווערען געמאַכט פון די פעלד פון א געוויסען סאָרט קראָליקעס (רעביטס) וועלכע שטאַמען פון בעלגיום, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, אויסטראַליע און אז. וו. די האָר פון א סילין איז גאַנץ געדיכט, אָבער דער לעדער איז זעהר א שוואַכער. די נאַטירליכע קאָלירען פון דעם קראָליק־פעל, פון וועלכען די סילין ווערט געמאַכט, זיינען ווייס, העל־ברוין און גרוי. די פעל ווערט געשאָרען און געפאַרבט אויף שוואַרץ, איידער עס איז באַרעכטיגט צו דעם נאָמען סילין. עס איז נישטאָ, דוכט זיך, קיין אַנדער סאָרט פּאָר אין דער גאַנצער אינדוסטריע, פון וועלכער עס ווערען פּראָדוצירט אזוי פיעל קאָוטס ווי פון סילינס. מען באַצייכענט סילינס אויך מיט'ן נאָמען קוניס.

דיזעלבע רעביטס, פון וועלכע עס ווערען געמאַכט סילינס, ווערען אויך געפאַרבט אויף אַנדערע קאָלירען, ווי למשל: פאַרשידענע גראַדען ברוין און גרוי. אפילו די פעל וועמענס נאַטירליכע קאָלירען זיינען פון אָנפאַנג אָן ברוין אָדער גרוי, מוזען אויך איבערגעפאַרבט ווערען צוליב דעם וואָס די נאַטירליכע קאָלירען זיינען מוטנע און טיילווייז צופלעקט און האָבען ניט קיין איינהייטליכען קאָליר. ווען די רעביטס ווערען געפאַרבט אויף אַנדערע קאָלירען, אויסער שוואַרץ, ווערען זיי שוין מעהר ניט באַצייכענט מיט'ן נאָמען סילינס, נאָר מען רופט זיי שוין דאַן לאַפּען. דאָס איז דער נאָמען מיט וועלכען די פראַנצויזישע פּאַריער רופען א רעביט. אָבער ווי האָט יענער געזאָגט: מיט וואָס פאַר א נאָמען איהר זאָלט ניט אָנרופען א ציבעלע, האָט עס דעם זעלבען ריח.

איצט, ליבער לעזער, האָב איך די עהרע פאַר אייך פאָרצושטעלען נאָך א חיה'לע וואָס באַצירט דעם קערפּער פון דער ארבייטער־מיידעל. דאָס איז די וואויל־באַקאַנטע מאָסק ראַט. איהר וועט מיר מוחל זיין ווען איך וועל אייך אויסזאָגען א סוד, אז די מאָסק ראַטס זיינען פּשוטע גרויסע ראַצען וועלכע האַלטען זיך אויף אין זומפּען און אין געגענטען וואו עס זיינען דאָ א סך טייכען און אָזערעס. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען אמת'ע יענקים, ווייל זיי זיינען פון קינד'ס קינד'ס קינדער אמעריקאַנער. א קלענער פּראָצענט מאָסקראַטס קומען אויך פון אַלאַסקאַ און קאַנאַדע. אזוי אז מען קען זאָגען אז מאָסקראַטס זיינען כמעט אויסשליסליך אן אמעריקאַנער פּראָדוקט. מאָסקראַטס זיינען געוויינליך ברוין, מיט א טונקעל־ברוינעם רוקענדעל אויפ'ן מיטען פון דער פעל. די זייטען פון דער מאָסקראַט זיינען פיל קלענער ווי די אַנדערע טיילען פון דער פעל.

אויף פאַרשידענע אופנים ווערען מאָסקראַטס געארבייט. מען ארבייט אויף קאָוטס פון גאַנצע פעל. דאָס איז דער געוויינליכער וועג. נאָך א מעטאָדע איז, וואָס מען שניידט אַרונטער די זייטען, וועלכע זיינען די שענסטע טיילען פון דער פעל, און מען מאַכט פון זיי באַזונדערע קאָוטס. מאָסקראַט קאָוטס, וועלכע ווערען געמאַכט פון די זייטלאַך קאָסטען טייערער ווי די קאָוטס וואָס ווערען געמאַכט פון די אַנדערע טיילען פון דער מאָסקראַט פעל.

פאַקטען וועגען קאוד אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע

פון טשאַרלס גרין, דירעקטאָר קאוד ביורא א. ל. ג. וו. י.

דריי וויכטיגע אויסבעסערונגען צו די ארבייטער פאַר־שריפטען פון קאוט און סוט קאוד זיינען גוט געהייסען געווארען פון דער נ. ר. א.

לויט דיזע אויסבעסערונגען וועט באַלטימאָר באַלאַנ־גען צו דער „איסטערן עריא" וואו זי האָט אלע מאָל באַ־לאנגט לוט דער מיינונג פון דער יוניאן. די פארענדער־רונג אז דער באַלטימאָרער מארקעט זאָל באלאנגען צום „איסט" געגענט איז אריין אין קראפט דעם 19טען אָק־טאָבער, 1934, און די יוניאן האָט גלייך אנגעפאנגען אן אקציע צו צווינגען די באַלעבאָטים אין דיזען מארקעט אז זיי זאלען ענדערען די רייטס אויף אזוי פיל אז זיי זא־לען שטימען מיט דער העכערער ווידזש רעגולאציע פון דעם „איסטערן" געגענט.

דער באשלוס וועגען באַלטימאָרער מארקעט איז א רעזולטאַט פון א לאנגען, אנטשלאָסענעם קאמף וואס איז אָנגעפיהרט געווארען פון דער „אינטערנעשאָנעל" און פון די מאַנופעקטשורערס אין ניו יארק און אין אנדערע טיי־לען פון לאנד.

נייע רולס פאַר לערנער.

א צווייטע אויסבעסערונג וועלכע איז גוט געהייסען געווארען באַרירט באַזונדערס דעם „וועסטערן" געגענט. די אויסבעסערונג פארקירצט די צייט פון לערנער פון זעקס אויף דריי חדשים און שרייבט פאָר א העכערונג פון וויי־דזשעס מיט יעדען חודש פון דער לערען צייט. נאָך דעם סוף פון די דריי חדשים מוז דער לערנער באַקומען די קאוד ווידזשעס וואס זיינען פארגעשריבען פאר יעדער קרעפט אין וועלכער די לערנער האָבען געארבייט.

די דריטע אויסבעסערונג באַגרענעצט די צאָהל פון די אזוי־גערופענע „סעמי־סקילד" אפערייטאָרס. אין דער פארגאנגענהייט האָבען מאנכע מאַנופעקטשורערס אין דער וועסט באַטראַכט אלע, באַזונדערס אלע פרויען אפעריי־טאָרס אלס „סעמי־סקילד" און האָבען געצאָלט דעם נידע־ריגען ווידזש רעיט וואס דער קאוד שרייבט פאָר פאַר „סעמי־סקילד" אפערייטאָרס. לויט דעם אויסגעבעסער־טען געזעץ ווערען די באַלעבאָטים באַגרעניצט צו באַ־שעפטיגען איין „סעמי־סקילד" פרויען אפערייטאָר פאר יע־דען געלערנטען פרויען אפערייטאָר וואס ער באַשעפטיגט. הגם די יוניאן האָט פארלאנגט אז די „סעמי־סקילד" קלא־סיפיקאציע זאָל אינגאנצען באַזייטיגט ווערען, און האָט דערפאר געפירט א קאמף, מוז די אויסבעסערונג פונדעסט־וועגען באַטראַכט ווערען אלס א וויכטיגער זיג פון אונ־זער אָרגאַניזאַציע.

ווירקזאַמע אויפפאַסונג פון קאוט און סוט קאוד.

דער רעפּאָרט פון דער קאוט און סוט קאוד אויטאָ־ריטי וועגען אויפפאַסונג און אינספעקציע, און וועגען די באַמיהונגען דורכצופיהרען דעם קאוד אין לעבען גיט אונז א גוט בילד פון דער טאָג־טעגליכער ארבייט פון דער קאוד אויטאָריטי.

דער רעפּאָרט דעקט די אויפפאַסונגס אקטיוויטעטען פון דער קאוד אויטאָריטי, אָנפאנגענדיג פון מאָנאַט או־גוסט, 1933. אין משך פון דיזער צייט האָט די קאוד אויטאָריטי דורכגעפיהרט 36,000 אונטערזוכונגען. 34,000 זיינען דורכגעפירט געווארען אין מעטראָפּאָליטען דיס־טריקט און 2,000 אין דעם געגענט אויסער ניו יארק. די דאָזיגע אונטערזוכונגען האָבען אויפגעדעקט 8,000 פארלעצונגען קעגען די פאָרשריפטען פון קאוד פון א פארשידענעם כאראקטער. די גרעסטע צאָהל פארלעצונגען זיינען באַגאנגען געווארען קעגען די לייבעל רעגולײשאָנס. אנדערע פארלעצונגען זיינען געווען 3,000, מיינסטע, פאר־שטעהט זיך, פון אן אונוויכטיגען כאראקטער און זיי זיי־נען שנעל אויסגעגליכען געווארען.

טויזענט פאלען וועגען פארלעצונגען, וועגען שטונ־דען זיינען אויסגעפונען געווארען און גערעכטיגקייט איז אין אלע פאלען דורכגעפיהרט געווארען. עס זיינען אויך אויסגעפונען געווארען טויזענט פארלעצונגען בנוגע מי־נימום ווידזשעס, צוויי־דריטעל פון דיזע פארלעצונגען זיי־נען פארגעקומען אין ניו יארק און איין דריטעל אויסער ניו יארק. 80 פראצענט פון אלע פארלעצונגען זיינען אויסגעגליכען געווארען אָהן פאָרמעלע הירינגס. די אי־בעריגע 20 פראצענט האָבען פארלאנגט הירינגס אויף וועלכע מען האָט פאָרגעבראַכט באַווייזען קעגען די פיר־מעס און עס זיינען גענומען געווארען שריט וואס האָבען געצוואונגען די באַלעבאָטים גוט צו מאכען דורך צוריק־צאָלען בעק פיי ווי אויך זיך צו פארזיכערען אז אין דער צוקונפט זאָל אזעלכעס ניט פאסירען. 35 פארלעצונגס פאלען זיינען געווען געגען ערנסט און די פארלעצענדע פירמעס זיינען געווען געגען איינגע'עקשנ'ט און די דאָ־זיגע קייסעס האָבען געמוזט פאָרגעבראַכט ווערען פאר די נעשאָנעל קאָמפּלייענס באָאַרד אין וואשינגטאָן; 6 האָבען געמוזט איבערגעוויזען ווערען צו פארשידענע סטייט קאָמ־פּלייענס באָארדס. פון די אלע פאלען וואס זיינען אי־בערגעוויזען געווארען צו נאציאָנאלע אדער סטייט קאָמ־פּלייענס באָארדס זיינען 15 אויסגעגליכען געווארען דורך בעק פיי פאר ווידזש וויאָלײשאָנס, איין פאָל איז זיגרייך פארפאָלגט געווארען אין די פעדעראל קאורטס און צוויי זיינען רעקאָמענדירט געווארען צו פארפאָלגען, 23 געפינען זיך נאָך אין פראָצעס פון אונטערזוכונג אין וואשינגטאָן.

125,000 דאָלער „בעק פעי".

אין אלגעמיין קאָן געזאָגט ווערען, אז בלויז א גאָר קליינער טייל פון אלע ארבייטער האָבען באקומען ווייניגער ווי דעם קאוד מינימום ווידזש סקייל. עס איז מיין אי־בערצייגונג אז די אויפפאסונגס בעאמטע פון דער קאוד אויטאָריטי וועלען מוזען צוגעבען אז דאָס האָט הויפּט־זעכליך פאסירט צוליב דער שטארקער יוניאן אין דער קלאוק אינדוסטריע.

עס מוז אָבער אויך צוגעגעבען ווערען, אז איבעראל וואו קאוד פארלעצונגען זיינען פארגעקומען האָט די קאוד אויטאָריטי געהאנדעלט שאַרף און ענטשלאָסען. 72,000 דאָלער איז קאָלעקטעט געווארען פון 427 פירמעס און דאָס געלט איז צוריקגעצאָלט געווארען צו 4,700 ארביי־טער אלס פארגיטיגונג פאר פאַרלעצען דעם קאוד מינימום. 62,000 דאָלער פון דיזער סומע זיינען געזאמעלט געווארען אין מעטראָפּאָליטען דיסטריקט; 21,000 דאָלער אין אוי־סערע ערטער. א חוץ דעם, איז אויך איינגעמאָנט געווא־רען $7,000 פון 11 פירמעס. דאס געלט איז נאָך ביז איצט ניט צוטיילט געווארען. עס וועט אָבער באלד אויסגע־צאָלט ווערען צו 650 ארבייטער. סכסוכים מיט 269 פיר־מעס וואס וועלען מוזען צוריקצאָהלען 46,000 דאָלער צו 3,000 ארבייטער געפינען זיך נאָך אין פראָצעס ביי דער קאוד אויטאָריטי. אלעס צוזאמען האָט די קאוד אויטאָ־ריטי איינגעמאָנט 125,000 דאָלער פון 707 פירמעס וועל־כע זיינען צוטיילט געווארען צווישען 8,200 ארבייטער.

שלעכטע צייטען פאַר טשיזלערס.

די לעקציע וואס עס האָט באַקומען די „פייר וועיסט און דרעס קאָמפּאַניע" אין ניו יארק פון דער דרעס קאוד אויטאָריטי, וועט זיכער פאר זיי זיין א באדייטענדע וואר־נונג. לעצטענס איז די „פייד וועיסט" קאָמפּאַניע אנגע־קלאָגט געווארען פאר דעם יונייטעד סטייטס דיסטריקט קאורט אז זי באגייט פארלעצונגען קעגען דעם קאוד. די פירמע האָט געמוזט באצאָהלען 12,500 דאָלער צו דער קאוד אויטאָריטי כדי צו דעקען דעם פארלוסט פון די אר־בייטער וואס זיי האָבען געליטען דורך די קאוד פארלע־צונגען. די דאזיגע פירמע האָט פארלעצט כמעט אלע קאוד פאָרשריפטען. די קאורט דיסיזשאָן האָט איהר אָבער באַוויזען אז די אלע מיטלען זיינען גאָר ניט ווערט. עס איז ניט קיין סוד אז אויך אנדערע פירמעס וואס פארלעצען קעגען דעם אגרימענט וועלען אין קורצענס גע־רופען ווערען אין קאורט.

נעבען אין קורצען דעם לעזער אַ באגריף וועגען דעם.

די פארשידענע חיות וועמענס פעל מ'פארברויכט אין דער פאָר אינדוסטריע, ווערען געפאנגען דורך פאסט־קעס. די וואָס בלייבען לעבען שוין נאכדעם ווי זיי זיי־נען געפאנגען, ווערען קלאָראָפאָרמירט און אויף אזא אופן שלאָפען זיי איין אויף אייביג. נאכדעם ווי די פעל ווערט ארונטערגעשונדען פון דער חיה, איז עס פייכט. דעריבער ווערט עס גלייך אויסגעצויגען און עס בלייבט אויף אַ געוויסען פורעם ביז וואנען עס טריקענט זיך אויס. איצט איז שוין די פעל פארטיג געשיקט צו ווערען צום פאָר־דרעסער און דאיער. דאָ ווערט די פעל דורך אַ גאנצער רייהע אפעראציעס ווייך געמאכט און עס נעמט זיך צו איהר דער „פלעשער".

ווען די פעל ווערט ארונטערגעשונדען פון דער חיה, בלייבט אויפ'ן לעדער אַ געוויסע מאָס פליש און פעטס און די ארבייט פון דעם „פלעשער" באשטעהט אין אָפּ־רייניגען אָט די איבערבלייבאכץ און אין מאכען דעם לעדער ווייך און בויגזאם. אין קורצען, ביים דרעסער און דאיער ווערען די פעל וואָס דארפען קריגען אַ „העיר־קאט", גע־שאָרען, געפארבט (אויב דער סאָרט פעל פארלאנגט עס) און דער לעדער ווערט צוגעגרייט אז די פעל זאָל קענען איבערגעהן צום פאָר מאנופעקטשורער.

אין דעם פּראָצעס פון מאנופעקטשורען פאָר, זיינען פאראַן פיער הויפט אפעראציעס. דאָס זיינען שניידען, נייהען, נאגלען און פינישען. עס זיינען דאָ אויך אַנ־דערע מינדערוויכטיגע ארבייטען וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר אַ טייל פון דער פאָר מאנופעקטשורינג אינדוסטריע, ווי מיר וועלען באַלד זעהן.

דער קאטער, וועלכער שניידט די פאָר, קען ניט שניי־דען מעהר ווי איין ארטיקעל מיט אמאָל. דאָ קען ניט פאָרקומען די מאסען־פּראָדוקציע, ווי צום ביישפּיל ביי קלאָוקס אָדער ביי דרעסעס, וואו דער קאטער מאכט אַ „לעי" און שניידט הונדערטער גארמענטס מיט אמאָל. דער פאָר קאטער מוז האלטען אין האנט און פארזיכטיג בא־טראכטען ניט בלויז יעדע פעל, נאָר אויך יעדע שטיקעל וואָס גייט אין דעם גארמענט אריין. נאכדעם ווי דער גארמענט איז צוגעשניטען, ווערט עס צוזאמענגעשטעפט מיט שפּילקעלאך און דאַן געהט עס צום אפּערייטאָר, וועלכער נייהט צוזאמען שטיקעל צו שטיקעל ביז עס ווערט אַ גאנצער גארמענט. דאַן ווערט דער גארמענט איינגע־נעצט מיט וואסער און דער נאגלער ציהט עס גוט אויס אויף אַ ספּעציעלער ברעט, לויט דעם פּעטערן, אויף וועל־כען עס איז געשניטען געוואָרען. אום דער גארמענט זאָל זיך האלטען אויפ'ן ברעט, באנוצט דער נאגלער טשוועקלאך. און ווען דער גארמענט אויפ'ן ברעט טריקענט זיך אויס, ווערט עס ארונטערגענומען און עס ווערט צוריק ארויפגעלייגט אויפ'ן פּעטערן און ארומגעשניטען אז עס זאָל זיין פּונקט ווי דער פּעטערן. אמאָל פאָדערט זיך אז מען זאָל דאָ אָדער דאָרטען צוגעבען אַ שטיקעלע, אז עס זאָל זיין אַ קוראט ווי דער פּעטערן. אָט די סאָרט אר־ביים הייסט „סקווערען", און דעם ארבייטער וואָס טוט עס רופט מען אַ „סקווערער". אין די קלענערע פאָר־שעפּער סקווערט דער קאטער אליין זיין ארבייט, און אין אַ גרעסערען שאָפּ, וואו עס זיינען דאָ אַ סך קאטערס, האלט מען אָן אַ ספּעציעלען סקווערער, וועלכער טוט איין ארבייט — ער סקווערט. נאָכ'ן סקווערען געהט דער גארמענט צום „קלאָוזער". דאָס איז אָן אפּערייטאָר, וועל־כער נייהט איין די ארבעל, דעם קאָלנער און אַנדערע קליינינקייטען. דאַן געהט עס אוועק צום פינישער, וועל־כער נייהט אריין דעם אונטערשלאק. אז דער קאָוט איז געפינישט געהט עס צום אייראָנער, וועלכער ביגעלט עס און רייניגט אויס דעם שטויב און מאכט עס אויסקוקען שעהן און אַנציהענד, אזוי אז דעם קאסטאָמער זאָל אַנ־נעמען אַ חשק צו קויפען.

עס זיינען דאָ נאָך עטליכע קלענערע טריידס, וועלכע זיינען אויך אַ טייל פון דער פאָר אינדוסטריע, און עס וואָלט געוועזן אָן עולה אז איך זאָל זיי דאָ דיר־ניט־מיר־ניט איגנאָרירען.

עס געהט אָן אַ באריימענדער מסחר אין דער פאָר אינדוסטריע פון קויפען די שטיקלאך וועלכע פאלען ארא ביים שניידען די גארמענטס. פון אָט די שטיקלאך ווע־רען פון די אפּערייטאָרס געמאכט פּלייטס, דורך דעם וואָס זיי נייהען צוזאמען די שטיקלאך. פון אָט די פּלייטס ווע־רען פּראָדוצירט טרימינגס פאָר קלאָוקס און דרעסעס. אַ היבש ביסעל מענשען מאכען דערביי אַ לעבען.

אויסער דעם, זיינען פאראַן די קעפּעל מאכער. איהר האָט ווארשיינליך באמערקט אויף די „נעק פּיסעס", וועל־כע די פרויען טראָגען אויפ'ן האַלז, קעפּלאך פון פוקסען און נאָך אַזעלכע נאָמענלאָזע חיה'לאך. פאָר אָט די קעפּ־לאך און אויך פאָר די עקלעך וואָס זיינען צוגעטשעפּעט צו די נעק־פּיסעס, איז פאראַן אַ באַזונדערע אינדוסטריע.

יע, באַלד פארגעסען צו דערמאָנען די פאָר פּאָינ־טערס. זייער ארבייט באשטעהט הויפּטזעכליך אין דעם וואָס אין די דאָגס (הינט), וועלכע ווערען באנוצט פאָר פאָר טרימינג און וועלכע זיינען מאט־שווארץ, שטעלען זיי אריין ווייסינקע הערעלאך, אום עס זאָל אויסקוקען ווי אַ גוטער פוקס. דער געניטער בעאָבאַכטער קען אָבער גלייך דערקענען אז דאָס איז ניט קיין פוקס און אז דאָס איז בלויז אַ כלב וואָס האָט אמאָל געבילט. אויף אַ גוטען פוקס ניט מען אמאָל אויך צו נאָך ווייסינקע הערעלאך אז ער זאָל אויסקוקען שעהנער. אָבער די הויפּט ארבייט אין דער פאָר פּאָינטינג אינדוסטריע איז צו פארשענערען די חלבים.

עס ווערט געשאַצט אז אין דער פאָר אינדוסטריע זיינען דאָ אַרום דרייסיג טויזענט ארבייטער. דאָס שליסט שוין אויך איין די דרעסערס און דאיערס און אלע אַנ־דערע טיילען פון דער אינדוסטריע. עס פארשטעהט זיך, אז דער גרעסטער טייל פון אָט דער אָנגעגעבענער צאָהל געפינט זיך אין ניו יאָרק.

אין דער אינדוסטריע זיינען באשעפטיגט די פאַר־שידענסטע נאַציאָנאַליטעטען, ווי צום בשפּיל, אידען, גרי־כען, דייטשען, איטאַליענער, נעגערס, אונגאַרן, פּאָליאַקען, אַמעריקאַנער און פילע אַנדערע. דעם גרעסטען פּראָצענט אָבער פאָר דער פאָר אינדוסטריע ליפערען די אידען. מ'קען זאָגען מיט זיכערהייט, אז דערווייל איז עס אַ אי־דישע אינדוסטריע. דאָס איז אָבער גערעדט וועגען דער פאָר מאַנופעקטשורינג אינדוסטריע. אין דער פאָר דרע־סינג און דאַיאינג אינדוסטריע, זעהט איהר, זיינען שוין איטאַליענער די מאַיאָריטעט. אזוי איז עס פריהער אויך געוועזן.

אין דער פאָר אינדוסטריע עקזיסטירט שוין די אינ־טערנעשאָנאַל פאָר וואָירקערס יוניאָן פון 9113 אָן און נעמט אין זיך אַריין כמעט אַלע צווייגען פון דער פאָר אינדוסטריע. די אינטערנעשאָנאַל האָט לאָקאַלע יוניאָנס אין אַלע וויכטיגע פאָר צענטערס פון לאַנד און אויך אין קענעדע.

אונטער דער פאָן פון דער איצטיגער אינטערנעשאָ־נאַל פאָר וואָירקערס יוניאָן זיינען אין פאַרלויף פון די אַלע יאָהרען אָנגעפיהרט געוואָרען אַ גאַנצע רייהע וויכ־טיגע סטרייקס אין ניו יאָרק און אין אַנדערע טיילען פון לאַנד און קענעדע. פילע ממשות'דיגע געווינסען זיינען דערגרייכט געוואָרען, וועלכע האָבען געמאַכט דעם לעבען פון די פאָר ארבייטער גרינגער און אַנגענעמער. ביז ניט לאַנג צוריק זיינען די פאָריער געוועזן די בעסט־באַצאָהלטע ארבייטער אין לאַנד.

צום באַדויערען, האָט אָבער דער ברודער־קריג, וועל־כער איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין די רייהען פון די ארבייטער, פאָר וועלכען בלויז די קאָמוניסטען זיינען פאַראַנטוואָרטליך, געמאַכט פון אַלץ אַ תל. פון די אַלע אויפבעסערונגען, וועלכע די ארבייטער האָבען ערוואָרבען נאָך יאָהרען פון קאַמף, איז געבליבען ניט מעהר ווי שאָטען און די יוניאָן איז אַ צייט געוואָרען אָפּגע־שוואַכט, לעצטענס קומט אָבער די פאָריערס יוניאָן צו־ריק צו איהרע כוחות און פיהרט צוריק איין אָרדנונג אין דער אינדוסטריע. די פאָריערס דיינקען דערביי, אז דער פּלאַץ פון די פאָריערס איז אין דער אינטערנעשאָנאַל לידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן און אז די פאָריערס יוניאָן דאַרף דעריבער. אַריינטרעטען אין דער אינטער־נעשאָנאַל, ווייל די פאָריער אינדוסטריע איז אַ וויכטיגער טייל פון דער פרויען קליידער אינדוסטריע.

פאבלען

פון נחום יוד.

דער געפאַלענער לייב

מען האָט אַ יונגען לייב אין וויסטעניש געפאַנגען,
און אים — צו ווייזען פאַר דער וועלט — אין צירק געבראַכט.
אהינטער אייזערנע געשמידטע שטאַנגען,
איז ער אין שטייג, אַ ווילדער, טאָג און נאַכט
מיט וויגענדיגע טריט אַרומגעגאַנגען,
און בייז, אַ שרעק,
געוואָרפען מיט'ן עק.
דער צוימער, וואָס פלעגט עסען אים דערלאַנגען
פלעגט אויך וואָס שנעלער פון זיין שטייג אוועק,
ווייל דורכגענומען
האָט יעדערן א גרויל
פון מאָרנעם שמייכעל אויף זיין מורא'דיגען מויל...
אַזוי־אַ זיינען זיך פינף־זעקס יאָהר אוועקגעשוואומען, —
דער לייב — אין זעלבען צירק און ביי די זעלבע לייט, —
און הויבט ער איצטער אָן נאָך ווען עס איז צו ברומען,
ווערט יעדענס האַרץ מיט פּחד דורכגעניומען...
דאָך וואָס מיינט איר?
ער שפּרינגט שוין דורך אַ רייף באַצויגען מיט פּאַפּיר.

איך וועל אייך אויסזאָגען און וועל זיך גאָר נישט שעמען,
אַז אָפּטמאָל נעמט דאָס האַרץ מיר קלעמען,
ווען איך דערזע די לייבען אין די שטייגען,
וואָס מוזען דורך אַ נויט דעם עולם קונצען צייגען.

אין פאַסטקע

אַ מויז האָט אין א פאַסטקע זיך אַריינגעכאַפּט;
ווי נאָר דאָס טירעלע האָט זיך נאָך איהר פאַרקלאַפּט,
פאַרשטאַנען האָט שוין די אומגליקליכע מויז,
אַז זי וועט שוין פון דאָרטען ניט אַרויס...
זי האָט געהערט נאָך פון איהר מוטער,
אַז מייז באַצאָהלען טייער פאַר'ן ברויט מיט פוטער.
נאָר וועלענדיג פאַרבלייבען פאַר דער וועלט
אַ העלד,
האָט אונזער מויז גענומען מוטה זיך אונטערגעבען:
— „מען דאַרף פאַרשטעהן דאָס לעבען, —
מען טאָר געווים אין זיך ניט זיין גענאַרט,
דאָך מוז מען צו דער וועלט דאָך אויך פאַרבלייבען ערליך!
מען וואָלט געווים מיך הינטער גראַטעס ניט פאַרשפּאַרט,
ווען איך וואָלט ניט געווען אַזוי געפעהרליך".

איהר ווייסט?
מיר אַלע האָבען אָפּט די זעלבע טרייסט . . .

דערײשאָן אָוו לעיבאר, און פון וועלכען וויליאם גרין איז טשערמאַן.

איך וויל איצט זאגען, און דאס ווייסט יעדער פאראנט־וואָרטליכער טוער פון אונזער אָרגאַניזאַציע, און דאס איז אויך באקאנט דער גאנצער עפענטליכקייט, אז אונזער יוניאָן האָט אימער פאַרעפענטליכט אלע ביישטייערונגען און אויסטיילונגען פון זאמלונגען צו געזעלשאפטליכע אינ־סטיטוציעס וואס זי האָט געמאכט, אדער וואס זי האָט דורכגעפיהרט, און די זעלבע פאָליסי וועלען מיר אָנהאַל־טען אויך אין באצוג צו דעם איצטיגען אנטי־נאַצי פאָנד.

איצט, נאָך דעם ערפאָלג פון אונזער פאָנד, ווען אויך די אנדערע יוניאָנס האָבען באשלאָסען צו זאמלען געלט פאר'ן אנטי־נאַצי פאָנד, האָט איהר צוליב פערזענליכע חשבונות און פיינדשאפט צום אידישען ארבייטער קאָמי־טעט און איהר פאַרזיצער, אָנגעפאַנגען א קאַמפּיין, וואָס קען ניט אנדערש באצייכענט ווערען ווי סאַבאָטאַזש געגען דיזער הייליגער ארבייט. וויל איך, דארום, צום שלום פארזיכערען, אז מעהר ווי א שלעכטען גערוף פאר זיינע איניציאַטאָרס וועט דיזער קאַמפּיין ניט שאפען. אונ־זער מיטגלידערשאפט פון אלע שאַטירונגען האָט גענוג צו־טרוי צו דער אינטערנעשאָנעל, צו די דזשאָינט באָארדס און צו זייער אלגעמיינע פיהרערשאפט, צו זיין פאָלקאָם זיכער און רוהיג, אז דיזער אנטי־נאַצי פאָנד צו וועל־כען זיי האָבען בייגעשטייערט מיט אזא וואַרימקייט און אויפריכטיגקייט, וועט קאָמפּעטענט פארוואַלטעט און צו־טיילט ווערען.

דוד דובינסקי,
פרעז. אינט. ליידיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן.

פרעזידענט דובינסקיס בריף צום „טאָג"

די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" ווייסען מסתמא וועגען דעם סכסוך וואס האָט זיך לעצטענס אנטוויקעלט צווישען דים „אידישען ארבייטער קאָמיטעט" און דעם „אידישען קאָנגרעס", ווייל דער אידישער ארבייטער קאָמיטעט האָט זיך אפּגעזאָגט צו באטייליגען אינ'ם אידישען קאָנגרעס.

דער בריף וועקסעל צווישען ביידע קערפּערשאפטען איז פאָרגעקומען אויף א פריינדליכען און קולטורעלען שטיי־נער און עס איז ניט אונזער אויפגאבע אויף דיזען אָרט צו נעמען א פּרינציפּיעלע שטעלונג צו דער גאנצער פראגע.

די רעדאקציע פון „טאָג" האָט אָבער געפונען פאר נויטיג פון דיזען ענין צו שלאָגען קאפּיטאל קעגען דעם פאָרזיצער פון אידישען ארבייטער קאָמיטעט, פריינד ב. ס. וולאדעק, און האָט קעגען איהם אנגעפאנגען א וויסטען פערזענליכען קאמפּיין. אין איינוועגס האָט דער „טאָג" אויך פארטשעפּעט די אינטערנעשאָנעל אויף א גאָר אונ־אנשטענדיגען אופן, שטעלענדיג אין חשד די געלד־פאר־טיילונג פון אנטי־פאשיסטען פאָנד וואס אונזער ארגא־ניזאציע האָט געשאפען.

ברודער דובינסקי האָט גלייך גענומען שטעלונג קע־גען אָט דעם אומבארעכטיגטען אָנגריף און האָט דעם רע־דאקטאָר פון „טאָג" געשיקט א געהעריגען ענטפער. אנ־שטאָט אפּצודרוקען דעם פולען אינהאלט פון דובינסקי'ס בריוו, ווי דאס פארלאנגט די איינפאכסטע געזעלשאפטלאכע און זשורנאליסטישע עטיק האָט דער הער רעדאקטאָר פון „טאָג" אויף זיך גענומען די אומגעבעטענע ראָלע פון א צענזאָר און האָט בלויז אפּגעדרוקט א קליינעם טייל פון דעם בריוו.

מיר ברענגען דאָ דעריבער דעם פולען אינהאלט פון פרעזידענט דובינסקי'ס בריוו:

דר. ס. מארגאָשעס, רעדאקטאָר „טאָג", 183 איסט בראָדוויי, ניו יארק סיטי.

ווערטהער הער רעדאקטאָר:

אין אייער צייטונג אוז היינט, מאָנטאג, ערשינען א סקאנדאליעזער באריכט וועגען דעם אנטי־נאַצי פאָנד, וואס איז געזאמעלט געווארען פון דער אינטערנעשאָנעל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאָן. איך פארלאנג דארום, אז איהר זאָלט דיזען בריוו אָפּדרוקען און געבען עס אזא פּרא־מינענטען פּלאץ ווי עס איז געגעבען געווארען דעם פאר־לוימדערישען אָנגריף אויף אונזער יוניאָן.

דער פארפאסער פון דיזען פאנטאסטישין באריכט אין אייער צייטונג האָט ניט געהאַט די עלעמענטארע אנשטענ־דיגקייט צו מאכען אן אָנפראגע ביי אונז ווי עס האלט מיט'ן פאָנד, צי האָבען מיר שוין די געלט צוטיילט, צי רעכענען מיר איבערהויפּט די געלט אליין אויסצוטיילען, אָדער צו דעליגירען אנדערע דאָס צו טאָן פאר אונז. עס שיינט מיר, אז אייער באריכטער האָט דיזע אנפראגע ניט געמאכט, ווייל ווען ער וואָלט באקאנט געווארען מיט די פאקטען, וואלטען דיזע פאקטען זיכער קאליע געמאכט זיין פּלאן אנצושרייבען אזא העסליכען „באריכט".

וואָלט אייער רעפּאָרטער זיך ביי אונז אָנגעפרעגט וועגען דיזער אנגעלעגענהייט, וואלט ער געקענט שרייבען פאָלגענדעס:

1) אז דער געדאנק פון אזא אַנטי־נאַצי פאָנד איז געשאפען געווארען און נאָכהער איבערגעגעבען געווארען צו אונזער קאָנווענשאָן פון ב. ס. וולאדעק, דער טשער־מאן פון אידישען ארבייטער קאָמיטעט.

2) אז צוליב וולאדעק'ס באגייסטערטען אפּיל ביי אונזער שיקאגאָ'ער קאָנווענשאָן איז באשלאָסען געווא־רען צו שאפען פופציג טויזענט דאָלער אנשטאָט א פריהער־דיגען פּלאַן צו זאמלען א קלענערע סומע.

3) אז ביי דער קאָנווענשאָן איז באשלאָסען געווארען צו אפּאָינטען א קאָמיטע פון 25 פיהרער פון אונזער יוניאָן, וואס זאָל פארטרעטען אלע אונזערע אָרגאַניזאציעס אין ניו יארק און אין אנדערע שטעט, צו שאפען אזא פאָנד פון ניט ווייניגער ווי פופציג טויזענט דאָלער צו העלפען די קרבנות פון פאשיזם און נאַציזם, צו שטיצען די ארביי־טער און פּאָליטישע פליכטלינגע, און צו שטיצען די העל־דישע אונטערערדישע באוועגונג אין די פאשיסטישע לענ־דער.

4) אז איך, אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל, האָב אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס פון דער קאָנווענ־שאָן, אפּאָינטעט א קאָמיטע פון 25, באשטעהענד פון די פאלגענדע:

ד. דובינסקי, טשערמאן און פרעד אמהעי, סעקרעטאר.

ניו יארק: — ל. אנטאָניני, דזש. ברעסלאו, ב. רעס־טי, ה. גשינבערג, דזש. העלער, מ. נינפאָ, דזש. האָכמאן, לואיס ליוויי, א. נאַגלער, ס. פּערלמטטער, הערי וואגנער, טשאס. זימערמאן, מאקס קאָהען, סעמועל שאָר, א. סניי־דער, דזש. טואווים אטן איזידאָר סארקין.

באלטימאָר: — טשאס. קריינדלער.

באָסטאָן: — פיליפּ קריימער.

שיקאגאָ: מאָרים ביאלים.

קליוולאנד: — אב. קאטאָווסקי.

פילאדעלפיע: — ע. רייזבערג און דזש. רובין.

סאן פּראנציסקאָ: — י. פיינבערג.

5) אז דיזע קאָמיטע האָט ארגאַניזירט די זאמלונגען. זי האָט אויפזיכט איבער דעם פאָנד, און זי דאַרף בא־שליסען איבער דעם פאנאנדערטיילען די געלדער פון דעם פאָנד.

וואָלט א פארשטעהער פון אייער רעדאקציע געמאכט אן אָנפראגע אין אונזער דזשענעראל אָפיס, וואלטען מיר איהם מיטגעטיילט, אז מיט דריי וואכען צוריק, איידער דיזער עקעלהאפטער באריכט איז ערשינען אין „טאָג", האָט אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באָארד אויף א זיצונג אין מאָנטרעאל באשלאָסען צוזאמענצורופען די קאָמיטע אין קורצען צו באשליסען ווי אזוי די געלט פון פאָנד זאָל פא־נאנדערגעטיילט ווערען.

וואָלט אייער רעדאקציע ביי אונז אָנגעפרעגט, וואלט איהר געוואוסט, אז די געלדער פון אונזער אנטי־נאַצי פאָנד זיינען קיינעם ניט איבערגעגעבען געווארען און אז זיי זיינען פארלויפיג ניט געריהרט געווארען, מיט דער אויסנאַם פון פינף טויזענט דאָלער, וואס איז איבערגע־געבען געווארען צו וואָלטער סיטרין, דער גענעראל סעק־רעטאָר פון בריטיש טרעיד יוניאן קאָנגרעס, פאר דעם „מאַטעאָטי פאָנד", וועלכער פונקציאָנירט אין ענגלאנד פאר די לעצטע צעהן יאהר; צוויי טויזענט דאָלער פאר דער אינטערנעשאָנעל קלאָדינג וואירקערס פעדערישאָן פאר אנטי־פאשיסטישער ארבייט, און א טויזענט דאָלער פאר דעם איטאַליענישען סאָציאליסטישען אויסלענדישען קאָמי־טעט אין פאריז, פאר פאשיסטישע קרבנות — פאקטען וועגען וועלכע די גאנצע פרעסע האָט דאן באריכטעט, אייער צייטונג אריינגערעכענט.

עס איז ניט מיין אבזיכט אנצונעמען זיך וולאדעק'ס קריוודע. און וואָלט אונזער אָרגאַניזאציע דערביי ניט אטאַקירט געווארען, וואָלט איך זיך אין דעם ניט אריינ־געמישט, ווייל איך ווייס, אז וולאדעק קען זיך זיין שטעטעל אליין באשטעהן. וואס אמבאלאנגט וולאדעק'ס פארדינ־סטען און זיין איניציאטיווע אין אויפהויבען דעם קאמף קעגען נאַציזם און פאשיזם דאָ אין אמעריקע, איז עס דער גאנצער ארבייטער באוועגונג, סיי דער אידישער און סיי דער גוי'ישער, זעהר גוט באקאנט און דיזע באוועגונג שעצט אָפּ דיזע ארבייט זעהר הויך. אין דעם פאל אָבער בין איך פאראינטערעסירט ניט בלויז אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנעל, וועלכע ווערט דאָ אָנגעגריפען, נאָר אויך אלס טרעזשורער פון אידישען ארבייטער קאָמיטעט און אויך אלס טרעזשורער פון דעם „נעשאָנעל לעיבאָר טשעסט פאר דער באפרייאונג פון די ארבייטער אין איי־ראָפּע", וועלכע איז געשאפען געווארען אין פארלויף פון דער סאן פראנציסקאָר קאָנווענשאָן פון דער אמעריקען פע־

דער אינהאַלט פון בריוו, וואָס רובינסקי האָט פאָרגע־
לעזען, איז געווען אַ וועה־געשריי פון אַ שטאָלצער קעמ־
פענדער ארבייטער אָרגאַניזאַציע, וועמענס מיטגלידער מאַ־
כען מיט אומבאַשרייבליכע לײדען און נויט. קיין אר־
בייט איז ניטאָ אין לאַנד. די רעגירונג איז רעאַקציאָנער.
די באַלעבאַטים נוצען אויס די דאָזיגע לאַגע און עקס־
פּלואַטירען די ארבייטער. קיין דיוס קען אונטער אַזעלכע
אומשטענדען ניט געצאָהלט ווערען.

די יוניאָנס זיינען ביז איצט אויפגעהאַלטען געוואָ־
רען דורך דעם אומגעוועהנליכען אידעאַליזם פון די מיט־
גלידער און פון דער פיהרערשאַפט. די בעאַמטע האָבען
שוין ניין חדשים ניט באַקומען קיין געהאַלט. קיין געלד
פאַר באַהייצונג און באַלייכטונג איז מער ניט פאַראַן.
דירה געלד איז מען שולדיג איבער דעם קאָפּ או זאויב
עס וועלען זיך באַלד ניט געפינען קיין מיטלען צו צאָה־
לען דירה געלד וועלען די יוניאָנס ארויסגעטריבען ווערען
פון די העדקוואַרטערס און די באַלעבאַטים וועלען דאַן
טאָן וואָס זיי וועט געפעלען.

די פאַקטען וואָס זיינען אנגעגעבען אין דעם בריף
זיינען באַשטעטיגט געוואָרען פון די קורצע אבער העכסט
איינדרוקספולע רעדעס, וואָס עס האָבען געהאַלטען דזשו־
ליוס האָכמאַן און אב. הערשקאָוויץ, וועלכע זיינען ערשט
צוריקגעקומען פון פּוילען. בייע רעדנער האָבען געלויבט
די אויסערגעוועהנליכע אינטעליגענץ און אידעאַליזם פון
די שניידער ארבייטער און זייערע פיהרער. זיי האָבען גע־
געבען אַ שילדערונג פון דער עקאָנאָמישער נויט וואָס עס
לײדען די אידישע ארבייטער וועלכע ארבייטען ביי היים
ארבייט אונטער די שרעקליכסטע אומשטענדען. איך שטעה
פינף־און־צוואַנציג יאָהר אין דער ארבייטער באַוועגונג פון
אמעריקע — האָט געזאָגט אב. הערשקאָוויטש, — איך
האָב מיטגעמאַכט געגוג קריזיסען און לײדען. איך בין
געהאַרטעוועט געוואָרען אין דער ארבייטער באַוועגונג און
איך בין ניט אזוי לייכט אויף צו פאַרגיסען טרערען. ווען
איך האָב מיט צוויי יאָהר צוריק באַקומען אַ בריוו אַז
מיין פאָטער איז געשטאָרבען, האָב איך ניט געקענט קיין
טרער פאַרגיסען. ווען איך בין געווען אין פּוילען און האָב
זיך צוגעקוקט צום לעבען פון די אידישע ארבייטער האָט
מיין האַרץ געוויינט און געקלעמט פאַר צער און ווייטאָג.
איך האָב געזעהן מערקווירדיגע ארבייטער אָרגאַניזאַציעס
פון שניידער ארבייטער אין וואַרשע, לאָדז, קראָקע און
טאַרנאָוו, וועלכע האַלטען אויף זייערע אָרגאַניזאַציעס
מיט די אָרימע מיטלען פון זייערע פאַרדינסטען. אין
טאַרנע, גאַליציען, וואו עס געפינען זיך צוויי טויזענט פינף
הונדערט אָרגאַניזירטע ארבייטער האָבען זיי פון זייערע
אייגענע אָרימע מיטלען אויפגעבויט אַן אייגענע היים ווייל
מען האָט זיי קיין דירה ניט געוואָלט פאַרדינגען און זיי
האָבען ניט געהאַט וואו צו מיטען. די הויז איז אויפגע־
שטעלט אבער זיי קענען ניט אריין ווייל עס פעהלט זיי די
געלד אויף פענסטער און טירען און אויף פּעינט. עס
איז אַ הימעל שרייענדער צושטאַנד און עס איז אונזער
הייליגע פליכט זיי צו העלפען.

דער בריוו, וואָס איז פאַרגעלעזען געוואָרען פון פּרע־
זידענט דובינסקי און די איינדרוקספולע רעדעס פון האָכ־
מאַנען און הערשקאָוויטשען האָבען געהאַט אַזאַ ווירקונג
אויף אַלע אנוועזענדע, אַז אַלע זיינען געווען איינשטימיג,
דאָס עס מוז עטוואָס געטאָן ווערען פאַר די אידישע
שניידער אָרגאַניזאַציעס אין פּוילען. לויט אַן איינשטימי־
גען באַשלוס וועט אָנגעפירט ווערען אַן אַקציע פון אַלע ני־
דעל ארבייטער יוניאָנס אין לאַנד צו שאַפען פופצען טוי־
זענד דאָלער פאַר די אידישע שניידער אין פּוילען און
צוויי טויזענט דאָלער זיינען גלייך ארויסגעשיקט געוואָ־
רען כדי די יוניאָנס זאָלען דערווייל קענען אָנגעהן מיט
דער ארבייט.

די קאָנפערענץ האָט אויסגעוועהלט אַ סוב קאָמיטע
פון זיבען פּערזאָנען אין וועלכע עס זיינען פּאַרטראַטען
פּרעזידענט דובינסקי און די וויס־פּרעזידענטען נאַגלער
און האָכמאַן פון דער אינטערנעשאָנעל, יוסף שלאָסבערג,
אב. מילער און האָלענדער פון דער אַמאַלגאַמייטעד און
אַלעקס ראָוז פון דער מילינערי יוניאָן.

די קאָוט און סוט מאַנופעקטשורערס פון גאַנץ אַמע־
ריקע האָבען אין יאָהר 1934 געקויפט פון דער קאָוד אָר־
טאָריטי 21,419,884 נ. ר. א. לייבעלס. די ציפערען פון
דער קאָוד אָטאָריטי וועגען דעם לייבעל פּאַרקויף גיבען
מעהר ווייניגער אַ באַגריף וועגען דער קלאָוק און סוט
פּראָדוקציע אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין דער צייט
פון יאָהר 1934.

די דאָזיגע איין־און־צוואַנציג און האַלב מיליאָן סוטס
און קאָוטס זיינען אויסגעארבייט געוואָרען אין שעפער אונ־
טער יוניאָן קאָנטראָל און יוניאָן באַדינגונגען. לויט די
אויספאָרשונגען פון דער קלאָוק און סוט קאָמישאָן ביי
דער קאָוד אָטאָריטי איז באַקאַנט געוואָרען אַז 91 פּראָצענט
פון אַלע קלאָוק מאַכער אין לאַנד זיינען אָרגאַניזירט און
בלויז ניין פּראָצענט זיינען אומאָרגאַניזירט, אַזוי אַז די
אנגעגעבענע צאָהל פאַרקויפטע לייבעלס אויף קלאָוקס און
סוטס באַטרעפט 91 פּראָצענט פון דער גאַנצער פּראָדוק־
ציע אין לאַנד.

די ציפערען פון דער קלאָוק קאָוד אָטאָריטי ווייזען
ניט אָן די צאָהלען לויט די באַזונדערע שטעט. עס איז
זיך אָבער לייכט משער צו זיין אַז די גאָר גרעסטע צאָהל
לייבעלס זיינען פאַרקויפט געוואָרען אין ניו יאָרק. אין
מאָנאַט מערץ, ווען עס איז דער סאַמע ברען פון ספּרינג
סעזאָן, זיינען פאַרקויפט געוואָרען די גרעסטע צאָהל ליי־
בעלס.

די נ. ר. א. לייבעלס זיינען צום ערשטען מאָל איינגע־
פיהרט געוואָרען אין אָקטאָבער, 1933, און עס איז דערי־
בער אוממעגליך צו מאַכען אַ יעהרליכען פאַרגלייך פון ליי־
בעל פאַרקויף צווישען דעם יאָהר 1933 און 1934. דער־
פאַר קען אָבער פאַרגליכען ווערען דער לייבעל פאַרקויף
פון די לעצטע דריי מאָנאַטען אין יאָהר 1933 און אין
יאָהר 1934. אין די חדשים אָקטאָבער, נאָוועמבער און
דעצעמבער, 1933, זיינען פאַרקויפט געוואָרען 2,673,377
לייבעלס. אין די זעלבע דריי חדשים פון יאָהר 1934 זיי־
נען פאַרקויפט געוואָרען 4,796,636 נ. ר. א. לייבעלס.
דאָס מיינט, אַז אין 1934 זיינען פאַקויפט געוואָרען כמעט
צוויי מאָל אַזוי פיל לייבעלס ווי אין יאָהר 1933. דאָס
נעמט זיך דערפון, וואָס ערשטענס, האָבען זיך די באַלע־
באַטים אין אָנפאַנג שטאַרק געשראָקען פאַר די נייע אר־
בייטס באַדינגונגען אונטער דער נ. ר. א און האָבען אנ־
געקויפט סחורות און צווייטענס, הויפטזעכליך דערפאַר וואָס
די יוניאָן האָט איבעראַל איינגעשטעלט אַ שטרענגע און
ווירקזאַמע קאָנטראָל מאַשינערי, וועלכע האָט אויפגעפּאַסט
אַז פאַרשידענע טשיזלערס אין דער אינדוסטריע זאָלען
זיך ניט קענען ארויסדרעהען פון יוניאָן קאָנטראָל און
האָט זיי געצוואונגען צו פּראָדוצירען יוניאָן ארבייט מיט
דעם נ. ר. א. לייבעל.

***

אַז דער יוניאָן קאָנטראָל ליגט די באַלעבאַטים פון
דער אינדוסטריע אין אמעריקע ווי אַ ביין אין האַלז ווייזט
אונז פאָלגענדע אינטערעסאַנטע פּאַסירונג:

מרס. רוזוועלט, די פרוי פון פּרעזידענט רוזוועלט,
איז ביי עטליכע געלעגענהייטען ארויסגעטראָטען פאַר דעם
יוניאָן לייבעל. דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדליכע זאַך
און עס איז אין גאַנצען אין איינקלאַנג מיט דעם פּרע־
זידענט'ס און מיט דער אָפיציעלער רעגירונגס פּאָליסי,
וועלכע האָט איינגעפיהט די נ. ר. א. מיט דעם צוועק צו
קירצען ארבייטס שטונדען און צו העכערען ווידזשעס כדי
צו פאַרגרעסערען די קויפס קראַפט פון דער באַפעלקע־
רונג. געפעלט דאָס אָבער ניט די רעאַקציאָנערע מאַכערס
אין וואַשינגטאָן און די גראָב־הויטיגע באַסעס מאַכען גע־
וואַלדען אַז די פּרעזידענטיכע איז אַ גאַנצע ראַדיקאַלקע.
איצט איז עפּעס אַ מיסעס עליזאַבעטה דילינג ארויס אין
איהר בוך „רעד נעט וואָרק", באַשולדיגענדיג מרס. רוז־
וועלט אַז זי איז ארויסגעטראָטען אויף יוניאָן מיטינגען
פון דער אינטערנעשאָנעל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יו־
ניאָן. מרס. רוזוועלט האָט דאַרויף געענטפערט, אַז פאַר
דער יוניאָן דירעקט איז זי ניט קיינמאָל ניט ארויסגעטראָ־
טען, זי האָט זיך בלויז באַטייליגט אין מיטינגען צום
נוצען פון יוניאָן לייבעל.

וואס עס הערט זיך אין דער אינטערנעשאנאל

פון פ. דעמביצער

דאס לעצטע יאהר איז געווען א יאהר פון קאמף און גרויסע דערגרייכונגען אין די רייהען פון אונזער אינטערנעשאנאל. די אלגעמיינע עקאנאמישע לאגע אין לאנד האט אבער ניט דערלויבט צו געניסען די פולע מאס פון אונזערע ארגאניזאציאנעלע דערגרייכונגען און דעראבערונגען. די גרויסע ארבייטסלאזיגקייט, וואס הערשט נאך אין לאנד, האט ניט נעגינענד פארגרעסערט די קויפסקראפט פון דער באפעלקערונג ,און די קלאוק און דרעס אינדוסטריע האט לעצטענס געהאט איינעם פון איהרע שלעכטע סעזאנען. דאס באווייזט אונז נאך אמאל גאנץ קלאר אז דער גורל פון די ארבייטער אין איין אינדוסטריע איז אין א גרויסער מאס אפהענגיג פון דער לאגע פון די ארבייטער אין אנדערע אינדוסטריעס. אויב די ארבייטער אין אנדערע אינדוסטריעס ארבייטען ניט, און די וואס ארבייטען יא פארדינען ווייניג, קענען זיי ניט קויפען די אויסגעארבייטע פראדוקטען פון אנדערע אינדוסטריעס און די ארבייטער וואס זיינען שוין יא גוט ארגאניזירט, לידען דערפון ווייל זיי זיינען אפהענגיג פון דער אלגעמיינער עקאנאמישער לאגע אין לאנד.

דערפון איז קלאר אז די ארבייטער פון אלע טריידס מוזען זיין געגענזייטיג פאראינטערעסירט אין דעם צושטאנד פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג און אז די סאלידאריטעט פון די ארבייטער איז ניט נאר א פלאטאנישער אידעאל, נאר א מאטעריעלע נויטווענדיגקייט. די פיהרערשאפט פון דער אינטערנעשאנאל האט דאס אלעמאל איינגעזעהען, און דערפון נעמט זיך דער שטארקער סאלידאריטעט געפיהל פון אונזער ארגאניזאציע וואס געפינט רעם אויסדרוק אין אונזער פאראינטערעסירונג אין דער טרייד־יוניאן פעדעריישאן אוו לייבאר. דער פארגאנגענער יאהר האט אונז נאך ענגער פארבונדען מיט דער טרייד־יוניאן באוועגונג פון לאנד דורך די ערוויירלונג פון ברודער דובינסקי אלס מיטגליד פון עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר.

***

און דאס וואס איז אמת אין לאקאלען מאסשטאב, איז אויך ריכטיג אין אינטערנאציאנאלען מאסשטאב. דער קאפיטאליזם איז אינטערנאציאנאל און די עקאנאמישע אומשטענדען אין איין לאנד האבען א שטארקען איינפלוס אויף די אומשטענדען אין אן אנדער לאנד. אין דער באציהונג צו דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער לאגע און צו די ארבייטער ארגאניזאציעס אין אנדערע לענדער האט די אינטערנעשאנאל אין פארגאנגענעם יאהר ערפילט א ריזיגע פראלעטארישע סאלידאריטעט פליכט און האט געשפילט א פיאנערן ראלע צו סאלידאריזירען די גאנצע אמעריקאנער טרייד־יוניאן באוועגונג מיט די טרייד־יוניאנס אין דער גאנצער וועלט. דעם מאראלישען קאמף נעגען פאשיזם און די גרויסע פינאנציעלע אקציע וואס די אינטערנעשאנאל האט אזוי ערפאלגרייך דורכגעפירט אין לעצטען יאהר, וועלען פארשריבען ווערען מיט גאלדענע בוכשטאבען אין דער געשיכטע פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג.

די גרויסע אויפגאבען וואס די אינטערנעשאנאל האט געהאט צו לייזען אין פארגאנגענעם יאהר זיינען ניט געשעדיגט און ניט פארנאכלעסיגט געווארען דורך דער ענערגיע און מאטעריעלע מיטלען וואס זי האט פארווענדעט פאר דעם קאמף מיט דעם פאשיזם און פאר דער הילף פון גרויסע נויטווענדיגע ארבייטער ארגאניזאציעס. אין גענעראל, יעדע אקציע, יעדער סטרייק, און יעדע ארגאניזאציאנעלע פארפעסטיגונג איז געהייליגט געווארען אין דעם אידעאליזם פון אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט און די זיגען זיינען בלויז דערגרייכט געווארען ווייל זיי זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט א סאלידארישען קאמפס־געפיהל. מיר קענען מיט שטאלץ באהויפטען, אז נאך איידער מיר האבען זיך אליין אויף די פיס געשטעלט, אז נאך איידער מיר האבען באוויזען אונזערע חובות צו באצאהלען, האבען מיר מיט א ברייטער האנט געשטיצט די ארבייטער באוועגונג אין לאנד און אין אויסלאנד אויף יעדען געביט. אחוץ די העכער פינף צעהנדליגער טויזענטער דאלער וואס די אינטערנעשאנאל האט געזאמעלט צום קאמף מיט דעם פאשיזם, האט אונזער הויפט אפיס און די לאקאלע יוניאנס געשטיצט דעם טעקסטיל סטרייק, דעם סטרייק פון די פאקעט בוק ארבייטער מיט גרויסע סומען געלט. זי האט געשטיצט דעם קאמף פון די בעקער ארבייטער אין זייער שווערען קאמף, די סאציאליסטישע באוועגונג, אלע טובערקולאזען סאניטאריומס אין לאנד, האט באשלאסען אויפצובויען א לייברערי אין לאס אנדזשעלעס סאניטאריום, וואו עס געפינען זיך א סך קראנקע מיטגלידער פון אונזער ארגאניזאציע, אויף די נעמען פון ב. שלעזינגער און מאריס זיגמאן. זי האט געגעבען הילף די ארבייטער אין פאלעסטינא און האט געשטיצט דעם בונד אין פוילען און אין רומעניען.

***

צום סוף פון לעצטען יאהר האט פרעזידענט דובינסקי דערהאלטען אן אויספירליכען בריוו פון די אידישע באקליידונגס ארבייטער יוניאנס אין פוילען, וועלכע געפינען זיך אין א טראגישער לאגע. ער האט דעם בריוו פארגעלעזען פאר די מיטגלידער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וועלכע זיינען געווען פארזאמעלט אויף דער בעראטונג פון דער באארד, וואס איז פארגעקומען אין קענעדע און די באארד האט דעם פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל באפולמעכטיגט צו רופען א קאנפערענץ פון אלע נידעל ארבייטע ראַרגאניזאציעס אין אמעריקע און קענעדע מיט דעם צוועק צו העלפען די אידישע שניידער יוניאנס פון א זיכערען אונטערגאנג.

אויף דער איניציאטיווע פון פרעזידענט דובינסקי, איז פרייטאג ביינאכט, דעם 14טען דעצעמבער, פארגעקומען אזא קאנפערענץ פון אלע נידעל טרייד יוניאנס אין אמעריקע און אין קענעדע, מיט דעם צוועק זאפארט צו ענטפערן אויף דעם הילפס און נויט געשריי פון דעם אידישען ארבייטער באקליידונגס פארבאנד אין פוילען.

די שוידערליכע לאגע פון די נידעל ארבייטער אין פוילען און די אומבאשרייבלאכע נויט פון זייערע יוניאנס, וואס איז באקאנט געווארען פן דעם דערמאנטען בריוו צו פרעזידענט דובינסקי און די היגע יוניאנס פון נידעל ארבייטער און פון פערזענליכע באריכטן פון ברודער האכמאן און פון אב. הערשקאוויץ פון דער אמאלגאמייטער, וועלכע זיינען נאר וואס צוריקגעקומען פון פוילען, האט אויפגעטרייסעלט אלע אנוועזענדע. עס איז באשלאסען געווארען זאפארט ארויסצושיקען צוויי טויזענט דאלאר צו רעטען די יוניאנס פון א קאטאסטראפע און באלד אנצופאנגען א קאמפיין פאר פופצעהן טויזענט דאלאר צווישען די היגע נידעל טרייד ארבייטער פאר דעם ארבייטער באקליידונגס פארבאנד אין פוילען.

די קאנפערענץ איז פארגעקומען אין האטעל ברעווואור און עס האבען זיך אין איהר באטייליגט פארשטעהער פון אלע וויכטיגע נידעל טרייד יוניאנס אין אמעריקע און קענעדע. פרעזידענט דובינסקי, וועלכער האט איינבארופען די בעראטונג אויף דער איניציאטיווע פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל, איז געווען דער פארזיצער פון דער קאנפערענץ. אין זיין ערעפענונגס־רעדע וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט א ווארימען סאלידאריטעטס געפיהל צו די לידענדע נידעל ארבייטער אין פוילען און זייערע קעמפענדע ארגאניזאציעס, האט ער שטיצענדיג זיך אויף דעם לאנגען בריוו פון אידישע שניידער ארבייטער אין דער פוילישער רעפובליק, זיך געווענדט צו אלע אנוועזענדע אז זיי זאלען טאן דאס מעגליכסטע זאפארט צו העלפען זיי אין זייער אויסערגעוויינליכער נויט לאגע.

אין דער יוניאָן און אין טרייד

פון לואיס ע. לאַנגער.

סעקרעטאַר דזשאָינט באָארד קלאוק, סוט, סקוירט און ריפער מאכערס וניאָן.

אין דער וואָך פון דעם 16טען דעצעמבער, ותען דריי פון אונזערע גרעסטע לאָקאלס האָבען אָפּגעהאלטען זייערע וואלען פאר באצאָלטע און ניט־באצאָלטע בעאמטע, האָט מען עס געקענט אָנרופען די „גארישע וואָך". די פארקאָכטע צדדים ארום די וואלען האָבען גערעדט און געשריבען א סך נארישקייטען. וואלטען זיי געשריבען אָדער גערעדט די נארישקייטען אויף זייער אייגענעם חשבון וואָלט דאָס אונז גאָר ניט געקימערט ווארים ווער קען וועמען סטאָפּען פון ריידען נארישקייטען? איז אָבער די צרה אז אלע נארישקייטען זיינען גערעדט געווארען אויפ'ן חשבון פון דער יוניאָן.

עס ליגען פאר אונז א פּאָר צעהנדליג צירקולארען פון אלערליי קאָלירען מיט שרייענדע קעפּלאך. וואס פאר א קאָליר פּאַפּיר עס איז נאָר דאָ אין דער שטאָט ניו יארק איז געברויכט געווארען אויף דיזע צירקולארען. פאר־שטעהט זיך, אז די פארשידעארטיגע קאָלירען פּאַפּיר האָט מען געברויכט צו מאכען די קאמפּיין ליטעראטור וואס מער אטרעקטיוו. איבערצוגעבען דעם אינהאלט פון דיזע צירקולארען מיט זייערע רעקלאמען ווילען מיר ניט. פּשוט דערפאר ווייל מיר ווילען שוינען דעם נאָמען פון דער יוניאָן. מיר ווילען זיך אָבער יא אָפּשטעלען אויף איין צירקולאַר, ווייל אין איהם ווערט אריינגעצויגען א דע־פּארטמענט פון דזשאינט באָארד, אויף א זעהר ניט־פאר־אנטוואָרטליכען אופן.

וויפיל ענערגיע און צייט די אלע שרייבערס האָבען אָנגעווענדעט אויף דיזע צירקואלרען ווייסען מיר ניט גע־נוי; אָבער באטראכטענדיג די גרויס פון די צירקולארען מיט די אָנגעפּיקעוועטע ווערטער אין דער גרויס פון א שפּילקע קעפּעל, קענען מיר זיך שוין פארשטעלען וויפיל די שרייבער האָבען געשוויצט און וויפיל ענערגיע זיי האָ־בען אויף דעם אָנגעווענדט. מיר זיינען זיכער אז ווען דער רעדאקטאָר פון דער גערעכטיגקייט וואלט איבערגע־לעזען די קאמפּיין רעקלאמען מיט וועלכע די פארשידענע גרופּען האָבען פארפּלייצט דעם מארקעט, און ווען ער וואָלט אויסגעקליבען געווארען צו באשטימען וועלכע קאמפּיין גרופּע איז בארעכטיגט צו קריגען דעם „נאָבעל פּרייז" זיי־נען מיר כמעט זיכער אז ער וואָלט אין דיזען פאל בא־שטימט אז דער „נאָבעל פּרייז" קומט די פּרעסערס, ווייל זיי האָבען ניט ארויסגעגעבען אפילו קיין איין צירקולאר. דערביי איז כדאי צו זאגען, אז וואויל איז די פּרעסערס וואָס זיי האָבען קיינע ליטעראטען אין זייערע רייהען...

⁂

מיר האָבען שוין פריהער באמערקט, אז מיר קענען ניט איבערגעבען דעם אינהאלט פון אלע צירקולארען, ווייל מיר שוינען דעם כבוד פון דער יוניאָן. מיר ווילען זיך אָבער אָפּשטעלען אויף איין צירקולאר וואס טראָגט די רעקלאמע קעפּעל „די שטימע פון די קלאוק טשער־לייט און קאָמיטעס". דיזע קעפּעל רעדט שוין אליין פאר זיך. אז מען דארף שוין צו די קלאוק טשערלייט צו־געבען אויך קאָמיטעס אלס אן אטרעקשאָן, מוז מען קומען צום שלוס, אז די אונטערשרייבערס האָבען אויסער זייערע אייגענע אונטערשריפטען קיינעם ניט געהאט היג־טער זיך. אונטער אזוינע אומשטענדען וואָלט געווען דאָס גלייכסטע צו איגנאָרירען דעם צירקולאר; מיר ועלען דאָס אָבער ניט טאָן, ווייל עס ווערט אין איהם באשולדיגט, פארשטעלטערהייט, א זעהר וויכטיגער דעפּארטמענט פון דזשאינט באָארד, ווי אויך א גרויסע צאָל פון אונזערע טעטיגסטע מיטגלידער, וועלכע אָפּפּערען אויף זייער גאנ־צע פרייע צייט צו העלפען דעם באטרעפענדען דעפּארט־מענט אין דורכפיהרען אין לעבען די 35־שטונדיגע אר־בייטס וואָך. עס ווערט געזאָגט אין יענעם צירקולאר אז: „די מאָראלע דעזינקונג פון דער אדמיניסטראציע דער־גרייכט שוין אזוי וויט אז א פארזוך איז שוין געמאכט געווארען אויך אָפּצוקויפען פאר קעש די לאָיאליטעט פון פילע שאפּ־טשערלייט, אזוי אז עס איז שוין היינט אן אָפּע־נער סוד, דאָס שאָפּ טשערלייט שטעהען אויף דער פּעי־ראָל פון דער יוניאן און זיי באקומען א מאָנאטליכען גע־האלט פון צען, פופצען און צוואנציג דאָלער".

מילד גערעדט איז דיזער סטייטמענט אין דעם דער־מאָנטען צירקולאר א שטיק דעמאָגאָגי און בילינער קאמ־פּיין מאטעריאל. מיר זיינען שוין געוועהן צוגעוואוינט צום געדאנק אז אין צייט פון א קאמפּיין זאָלען געוויסע עלע־מענטען זוכען אויף יעדען אופן צו דיסקרעדיטירען די אדמיניסטראציע און ספּעציעל די באצאָלטע בעאמטע, וועל־כע „מאכען א לעבען" פון דער יוניאן. אזא זאך איז שוין ביי א געוויסער צאָל מיטלידער געווארען א טראדיציע. אָבער אן אטאקע אויף די אָקטיווע רענק און פיילערס, וועלכע ווענדען אָן זייער גאנצע ענערגי און פרייע צייט אויף דינען דער יוניאן'ס אינטערעסען אומבצאָלט, איז פאר אונז א העכסט נייע און אונאנגענעמע ערשיינונג.

דער דזשאינט באָארד האָלט אָן די גרעסטע און שטרענגסטע נייטראליטעט ווען עס קומט צו לאָקאלע פּאָ־ליטיקס. ער קען אָבער ניט בלייבען גלייכגילטיג ווען אונזערע אקטיווע מיטגלידער, וואס גיבען זיך אָפּ מיט אויפּפּאסען אויף די שעפּער יעדען טאָג אין דער וואָך, ניט אכטענדיג אויף די ערנסטע וועטערס, אויסשטעהענדיג אָפּטמאָל באליידיגונג פון די באלעבאָטים אזוי גוט ווי פון געוויסע ארבייטער, ווערען אויף אזא שענדליכען אופן אטאַקירט און געבראנדמארקט אלס אזעלכע, וואס פאר־קויפען זייער לאָיאליטעט פאר קעש...

די בילדינג טשערלייט און די אנדערע טעטיגע מיט־גלידער פון אונזער בילדינג קאָנטראָל דעפּארטמענט האָ־בען גענעבען אויף דיזער באשולדיגונג דעם געהעריגען ענט־פער. וואלטען זיי דאָס ניט געטאָן, וואָלטען מיר, די וואס ווייסען ווי געהעריג אָפּצושעצען זייער טעטיגקייט, גע־קוקט אויף זיי ווי אויף ווערים וואס פארדינען אז מען זאָל זיי צוטרעטען אונטער די פיס. צו באשולדיגען מענ־שען וואס דינען די אינטערעסען פון דער יוניאן טריי און ערליך איז ניט נאָר שענדליך, נאָר אויך העכסט פיינליך. די נישטיגע סומע, וועלכע זיי קריגען מאָנאטליך צו דעקען זייערע קארפעירס און מאָלצייטען, זיינען א נול אין פאר־גלייך מיט דער וואונדערבארער ארבייט וואס זיי טוען אויף.

מיר האָפען דארום, אז אונזערע בילדינג טשערלייט און קאָמיטעס וועלען האָבען אין זינען אז דיזע שענדליכע באשולדיגונג איז אויף זיי געמאכט געווארען אין א צייט פון קאמפּיין־היסטעריע און אז דאָס וועט זיי ניט אָפּ־האלטען פון פארזעצען זייער טיכטיגע ארבייט אין די אינטערעסען פון דער יוניאן, ווי זיי האָבען עס געטאָן ביז יעצט.

⁂

די קאמפּיין ליטעראטור, וועלכע האָט זיך גענליינט אויפ'ן מוח אזוי שווער ווי א וואולגארער שטיק „דזשעז", וועט שנעל פארגעסען ווערען, פּונקט ווי עס וועלען פאר־געסען ווערען אנדערע „קונסט שטיק" פון דעם זעלבען כאראקטער. ניט די קאמפּיין ליטעראטור האָט געבראכט די טויזענטער קלאוק מאכער, וואס האָבען זיך באטייליגט אין די וואלען, צום שטים־קאסטען, נאָר דער נייער אינ־טערעס וואס זיי האָבען לעצטענס געקראָגען אין דער יוניאן. אזוי ווי די וואלען זיינען שוין פאריבער און דער גאנצער עלעקשאָן רויך איז זיך שוין פאנאנדערגע־גאנגען, דארפען אלע גרופּען, וועמעס טעמפּעראמענט איז אין צייט פון די וואלען געשטיגען אזוי הויך אז ער האָט געקענט צושמעלצען גאנצע אייז־בערג, האָבען אין זינען אז יעצט פאלען אוועק אלע צדדים, און אז די יוניאן שטעהט העכער פאר אלעם.

די בעסטע זייט פון די ערשט־פארענגרינטע וואלען איז

אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" האָבען מיר דער־
מאָנט וועגען דעם וויכטיגען שליח פון די איטאַליענישע
ארבייטער, גענאָסע דזשוזעפאַ מאָדיליאַני, וועלכער איז א
גאַסט פון דער אינטערנעשאָנעל און פון די איטאַליענישע
לאָקאלס פון אונזער ארגאַניזאציע. מאָדאַליאַני איז ביז
איצט ארויסגעטראטען אויף צענדליגער מיטינגען אין אי־
נטערעס פון זיין אקציע און געפינט זיך איצט אויף א טור
איבער דעם גאנצען לאנד און ער וועט באזוכען אלע אונ־
זערע יוניאָנס. מיט מאָדיליאַני'ן פאָרט מיט ברודער רו־
מאַוואַלדע, דער איטליענישער סטעף מיטגליד פון אונזער
פובליסיטי ביורא. רומאוואַלדי איז א גלענצענדער אי־
בערזעצער און ער וועט גלייכצייטיג מענעדזשען דעם גאנ־
צען טור.

פאר זיין ארויספאָהר איבער'ן לאנד האָט אונז מאָ־
דיליאַני צוגעשיקט פאלגענדען בריוו:

טייערער קאמעראַד און ברודער:

ערלויבט מיר זיך צו באנוצען מיט דער גאסטפריינד־
שאַפט פון אייער ווערטפולער צייטונג און דורך איהר
צו גריסען די פיהרערשאַפט, די בעאַמטע און מיטגלידער־
שאַפט פון דער אינטערנעשאָנעל לידיס גארמענט וואיר־
קערס יוניאָן און אויסצודריקען דעם דאנק פון אלע פאר־
פאָלגטע און אונטערדריקטע ארבייטער אין איטאַליען פאר
דער דערמוטיגונג און ביישטייערונג וואָס איהר האָט צו־
געטראָגען צו דעם ווערק פאר פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

אייער סאָלידאריטעטס געפיהל האָט אין אונז אויפ־
געלעבט די האָפנונג און האָט געגעבען נייעם מוט צו א
מחנה העראָאישע קעמפער, וועלכע האָבען אונטער דעם
שווערסטען שיקזאל קיינמאָל ניט געבוינגען די פאָהן פון
פרייען טרייד יוניאָניזם.

איך פיהל מיך שטאָלץ צו זיין אייער גאסט, און די
באגרעניצטע צייט וואָס איך וועל זיין מיט אייך וועל איך
ניט שפּאָרען קיין מיה און ענערגיע כדי אייך צו העלפען
באוואוסט מאכען דעם אמעריקאנישען ארבייטער וועגען
דער געפאָהר פון פאשיזם און געשטיצט אויף אייגענע ער־
פאהרונגען וועל איך איהם אנווייזען ווי נויטיג עס איז
אין קאמף פאר פאָרטשריט און פראָגרעס די פערזענליכע
פרייהייט.

פרוי מאָדיליאַני און איך באזונדערס זיינען זייער
דאנקבאר פרעזידענט דובינסקי און דעם סטעף פון הויפּט
אָפיס, דעם ערשטען וויס־פרעזידענט לואידזשי אנטאָניני,
און זיינע מיטארבייטער אין לאָקאל 89, צו די פיהרער פון
לאָקאל 48, 60 און 10, צו דער דרעס מאכער דזשאָינט
באָארד און צו איהרע בעאַמטע, צו די ארגאניזאציעס אין
פּאַסייק, ניו הייווען און באָסטאָן פאר דער אויסערגעוויינ־
ליכער גאסטפריינדשאַפט, וואָס זיי האָבען אונז ארויסגע־
וויזען ווען מיר האָבען געהאַט די פּריווילעגיע זיך מיט
זיי צו באַקענען.

קאמעראַדען, לאָמיר קיינמאָל ניט מיד ווערען צו
קעמפען פאר א נאָבעלען צוועק; לאָמיר קיינמאָל ניט
פארגעסען דעם פאַרטרויען וואָס עס האָבען אונז אָנפאַר־
טרויט יענע חברים, וועלכע זיינען געפאלען אויף דעם
שליאך אין בלוטיגען קאמף פאר פרייהייט און עמאנצי־
פאציע.

לאנג לעבען זאָל די אינטערנאציאָנאלע ארבייטער
סאָלידאריטעט!

ברידערלאך אייער,

ג. א. מאָדיליאַני.

* * *

פון די צושריפטען, וואָס מיר האָבען באַקומען פון
אונזער בילדונגס און רעקריאיישאָנאל דעפּארטמענט, איז
צו זעהן אז די גאנצע טעטיגקייט איז רעאָרגאניזירט גע־
וואָרען אויף א מאָדערנעם שטייגער, וואָס איז פיעלפאך
פארצווייגט און ריהרט אָן אלע געביטען פון מאָדערנעם
קולטור לעבען.

אחוץ דער ריינער בילדונגס און אויפקלערונגס־אר־
ביט, ווי פארלעזונגען, קורסען וועגען עקאָנאָמיע און פּאָ־
ליטיק, ליטעראַטור און געשיכטע, מוזיק און דראַמע, ווערט
אנגעפירט א רייכע ברייט־פארצווייגטע כאָראַלע און ספּאָרט
אקטיוויטעט און גייסטיגע קולטור טעטיגקייט הארמאָנירט
מיט פיזישער קולטור דערציאונג. די דאָזיגע טעטיגקייט
האָט א גרויסע און צווייפאַכע באדייטונג פאר דער גאנ־
צער יוניאָן אקטיוויטעט. זי באצירט די טאָג־טעגלאַכע
פּראָזאאישע טעטיגקייט מיט יום־טוב'דיגען גייסט און
פּראָלעטאַרישער פרייד. עס איז, ווי פּרעזידענט דובינסקי
האָט זיך ביי דער געלעגענהייט פון דער ערשטער צוזאַ־
מענקונפט פון אונזערע לאָקאל כאָרען, געלונגען אויסגע־
דריקט, פארגלייכענדיג די יוניאָן מיט א בגד וואָס באַ־
קומט זיין באצירונג דורך די פארשידענע טרימינגס;
פונקט אזוי ווי די טרימינגס גיבען דעם בגד גלאַנץ און
סטיל, גיבען די גייסטיגע טרימינגס א קעמפענדער ארבי־
טער ארגאניזאציע א נשמה און אידעאלען אינהאַלט דורך
בילדונג, אויפקלערונג, געזאַנג און קולטורעלע פאַרוויי־
לונג, — האָט ער געזאָגט.

עס איז אַן איינפאַכע זאַך און עס דוכט זיך, אַז
יעדער דאַרף דאָס איינזעהען און פארשטעהן. און פונ־
דעסטוועגען איז דאָס ניט אזוי, און פילע פון אונזערע
מיטגלידער און מאַנכע פון אונזערע בעסטע טוער האָבען
ליעב צו אירָאָניזירען די גאנצע ארבייטער ספּאָרט און
געזאַנגס טעטיגקייט פון אונזער בילדונגס דעפּארטמענט.

די אלטע יוניאָן ברידער מוזען פארשטעהן דאָס דער
נייער דור איז ניט ערצויגען געוואָרען אין אזא אידעאַלער
סביבה ווי זיי, אַז זיי האָבען ניט דורכגעמאַכט דעם רע־
וואָלוציאָנערען קאמף אין רוסלאַנד, אַז עס איז א סך
בעסער און שעהנער און ווירקזאַמער ווען זיי זינגען יוניאָן
און ארבייטער לידער איידער זיי וואָלטען זיך פארוויגט אין
בראָדוויי סאָנגס. איז דען ניט שעהנער און בעסער ווען
מען הערט אויף די מיטינגען פון אונזער יונגער ענגליש־
שפּרעכענדער מיטגלידערשאַפט זינגען אונזערע יוניאָן לי־
דער. זיינען מיר אליין דען ניט אַנגעצונדען געוואָרען פון
באַגייסטערונג ווען מיר האָבען אויף דער לעצטער קאָנ־
ווענשאָן געהערט צום ערשטען מאָל זינגען דאָס דרעס־
מאכער ליד, די אינטערנעשאָנאל הימנע און אנדערע לי־
דער. צו קענען מיר דען לייקענען אַז דער טאָן און דער
אינהאַלט וואָס איז געפלאָסען פון די דאָזיגע לידער האָט
אונז אלעמען צוזאַמענגעגאָסען אין איין שטיק און אונז
אלעמען פארבונדען אין איין משפחה וואָס האָט געמיינ־
זאַמע אינטערעסען. טאָ פארוואָס אזא איראָנישע באַ־
ציהונג צו אזא גוטען און נוצלאַכע טעטיגקייט ווי די
אינטערנעשאָנאל האָט אונטערנומען אויף דעם געביט פון
גייסטיגער און פיזישער קולטור ערציהונג.

ביי דיזער געלעגענהייט וויל איך בלויז דערמאָנען אַז
עס איז א שאָד, וואָס די קלאָוק מאַכער, וועלכע זיינען
דער וועטעראַנען טייל פון אונזער אינטערנעשאָנאל, האָ־
בען זיך ביז איצט ניט באַמיהט אויך צו האָבען א
קלאָוקמאַכער הימנע, ווי דאָס האָבען די דרעסמאַכער און
פארוואָס עס איז קיינעם ניט איינגעפאַלען צו איבערזעצען
אָדער לאָזען איבערזעצען די יוניאָן לידער אויף אידיש.

און דאָס איז ניט בלויז אזוי מיט מוזיק און געזאַנג.
דאָס זעלבע איז אויך חל אויף דער אלגעמיינער בילדונגס־
טעטיגקייט פון אונזער בילדונגס־דעפּארטמענט.

די ענגלישע בילדונגס־ארבייט ווערט אויסגעשטעלט
אויף א ברייטען פארנעם. די איטאַליענישע ברידער זאָר־
גען פאר דער בילדונגס־ארבייט אין דער איטאַליענישער
שפּראַך. זיי האָבען זייערע איטאַליענישע ראַדיאָ שטונ־
דען, קורסען, פארוויילונגען, וואו עס ווערט געלייגט א
גרויס געוויכט אויף זייער נאַציאָנאלער שפּראַך, טראָץ דעם
וואָס ביי זיי איז דער יונגער עלעמענט אין א ריזיגער
מאַיאָריטעט. בלויז ווען עס קומט צו אידיש, הערשט ביי
אונז אַן אַסימילאַטאָרישע קולטור טענדענץ און די ביל־
דונגס ארבייט אויף אידיש פאר די אידישע ארבייטער
ווערט אינגאַנצען פארנאַכלעסיגט. און דער ווילען צו
וויסען און בילדונג ביי אידיש שפּרעכענדיגע עלעמענטען
איז נאָך זייער גרויס. דער דרעס פרעסערס לאָקאל איז
דערווייל דער איינציגער וואָס פיהרט אָן אויפקלערונגס־
ארבייט צווישען זיינע מיטגלידער אויף אידיש און פרעגט
זיך נאָך ביי זיי וועלען זיי איך זאָגען וואָס פאר א
וויסענס און בילדונג דורשט עס הערשט צווישען די אידי־
שע ארבייטער.

וואַהלען און אינסטאַליישאַן־מיטינגען פון קלאָוקמאַכער לאָקאַלס אין ניו יאָרק

די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער לאָקאַלס זיינען געווען די ערשטע, וואָס זיינען צונעטראָטען אויסצופיהרען דעם באַשלוס פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד וועגען דורכפיהרען די ערשטע וואַהלען פאַר יוניאָן־אַדמיניסטראַציעס אויף דעם לויף פון צוויי יאָהר צייט.

די קלאָוק פּרעסערס יוניאָן לאָקאַל 35 האָט געוויזען דעם ביישפּיל און די אָפּערייטאָרס און פינישערס האָבען גלייך נאָכגעפאָלגט דעם ביישפּיל.

די וואַהל־באַטייליגונג איז איבעראַל געווען אַ גרויסע און די וואַהלען זיינען פאָרגעקומען אויף אַ העכסט דעמאָקראַטישען אופן און אין דער בעסטער אָרדנונג.

וואַהלען אין דער דרעסמאַכער יוניאָן און אין אַנדערע אינטערנעשאָנאַל לאָקאַלס זיינען שוין אויסגעשריבען און וועלען באַלד פאָרקומען.

גלייך נאָך די וואַהלען זיינען פאָרגעקומען אינסטאַלאַטיאָן־מיטינגען, וועלכע האָבען געטראָגען אַן ענטוזיאַסטישען כאַראַקטער און זיינען געווען באַזוכט פון גרויסע מאַסען מיטגלידער. אין קומענדען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר ברענגען אויספיהרליכע באַריכטען וועגען אָט די מיטינגען.

מיר ברענגען דאָ די נעמען פון די ניי־ערוועהלטע יוניאָן־אַדמיניסטראַציעס.

לאָקאַל 1, אָפּערייטאָרס יוניאָן

לואיס ליוויי — מענעדזשער

ר. צוקערמאַן — טשערמאַן

ביזנעס אײדזשענטס: י. עטקין, מ. באַננאָ, י. בלאָק, י. בראָונער, מ. פיינבערג, ה. פריד, ל. גאָלדשטיין, ב. גאָלאָב, בענדזש קאַפּלאַן, דזש. מילער, ע. וועטער, ס. וואָירסט.

עקזעקוטיוו באָארד: א איבראַמסאָן, ל. אלענאָף, ס. בלום, י. בעלזער, ה. בראָון, א. טשערנאָף, ס. קאָהען, מ. דייטש, א. אייזענבערג, ל. פאַרבער, דזש. פרידמאַן, ה. פריימאַן, וו. פריד, ה. פינקעלשטיין, י. גאָלד, ד. גלאָט, י. האָראָוויץ, ל. האוזער, ס. היימאַן, ה. לעווענסאָן, טש. לאַסקאָוויץ, ה. מילער, ל. ראָזענאָוויץ, ס. רודין, ס. רעזניס, י. סטענזאָר, ס. טאָפּאָל, מ. ווילסאָן.

●

קלאָוק־פינישערס יוניאָן, לאָקאַל 9

איזידאָר סאָרקין — מענעדזשער־סעקרעטער

פיליפּ הערמאַן — טשערמאַן

ביזנעס אײדזשענטס: אייב עטקין, מאַקס ברעטשניידער, א. ס. מילער, הערי פישער, סעם פויערשטיין, דזשעק פרידמאַן, מעקס גילזענבערג, איזידאָר וואָלאָך.

עקזעקוטיוו באָארד: סאָל בענדער, מאַקס בעקער, מעקס דאָבקין, סאָל פינקעלשטיין, סעם פיינבערג, אייב קאָהען, שעיה אַמיסלאָפּסקי, סאָלאָמאָן גאָלדשטיין, הערי גאָרדנער, מעקס גראָוויץ, מאָריס קאַפּלאַן, דזשאָו האָראָוויץ, פּוירל גאָלד, מעקס פרידמאַן, בארנעט ראָזענבערג, מעקס גראָוס, נייטהען לים, סעם שערמאַן, דייוויד מינער, מעקס לעווין, אייב ראָשקין, אייב סאָקאָפּסקי, נייטהען סטוירן, מיער קושנער.

●

קלאָוק־פּרעסערס יוניאָן, לאָקאַל 35

דזש. ברעסלאָוו — מענעדזשער

ל. ביגעל — טשערמאַן

ביזנעס אַגענטען: מ. גאָלדאָווסקי, טש. אָראָנסקי, ה. סלוצקי, מ. גאָלדסטיין, מ. יאַנאָדניס, מ. קאַראָלינסקי, דזש. גאָלד.

עקזעקוטיוו באָארד: מ. קופערמאַן, ל. לאַנגער, ה. ראָנס, ה. דיסקאונט, מ. סילווערמאַן, ב. יעלין, א. סטיין, א. רודין, ה. שלעקמאַן, וו. גערסטיין, י. פינקעלסטיין, דזש. ניינער, א. אָווניצקי, ה. דובאָו, דזש. מאָרגענסטיין, מ. מאַרקוס, ד. ראָזענטאַל, ס. זאַווליס, א. סאָסלאָ, ס. קאופמאַן, מ. מעלצער, ב. דזשייקאָבס, דזש. קאַץ, י. ערליך, ס. ניטלים, ס. האָלאַנדער.

רעליף קאָמיטע: ד. באַראָן, ב. בינעלסאָן, א. פאָסטער, ס. אבראַמאָוויטש, דזש. גוס.

אַנערקענונגס־רעזאָלוציע

אין אַנבאַטראַכט, אַז בר. סעם וויאָרסט, ביזנעס אײדזשענט פון לאָק. 1, וועלכער האָט אַטענדעט זעהר גוט די שעפּער וואָס ארבייטען פאַר דער פירמע קאָהן און בוילין, האָבען מיר, די ארבייטער פון די דערמאָנטע שעפּער, ביי אַ באַנקעט וואָס מיר האָבען אַראַנזשירט פון זיין כבוד וועגען, איהם פּרעזענטירט מיט אַ שעהנער מתנה אַלס אויסדרוק פון דאַנק און אַנערקענונג.

יעקב ברויטעל, טאָוסטמייסטער.

ווילי דייטש, טש. ראַכלין, דוד פּעפּער, הערי לאַנסקי, בעני גראָסמאַן, קאָמיטע.

דרעסמאַכער אינטערנאַציאָנאַלער

באַל

פון דער

דרעסמאַכער יוניאָן לאָקאַל 22

א. ל. ג. וו. י. — האַרלעם סעקשאָן

אין ראָקלענד פּאַלאַס

155טע סט. און 8טע עוו.

שבת אָוונט, דעם 19טען יאַנואַר

●

צוויי באַריהמטע אָרקעסטערס:

פלעטשער הענדערסאָן און זיין אָריגינעלער אָרקעסטער — וואַלצען און שים־שעם־שימים.

דזשעראַלד קלאַרק'ס קאַריביען סערענײדערס און ראַדיאָ בראָדקעסטערס — רומבאַס און קאַריאָקאַס.

און אַנדערע באַריהמטע

בראָדוויי און ראַדיאָ־סטאַרס

●

איינטריט:

35 סענט פריהער — 1 דאָלער ביים טיר.

באָקסעס פאַר 10 פּערזאָן — — 5 דאָל.

לאָזשעס פאַר 6 פּערזאָן — — $2.50

באַזאָרגט זיך גלייך מיט טיקעטס אין אַלע יוניאָן־אָפיסעס.

רעס, וואס די לאָקאלס זיינען מיט זיי שנעל פאַרטיג געוואָרען און דער סטעף, וואס דאַרף זיך אָפּגעבען מיט די אינטערעסען פון אונזערע מיטגלידער איז שוין ערוועלהט געוואָרען. פאַר דיזען אויפטו קומט די באַטרעפענדע לאָקאלס קרעדיט; ספּעציעל קומט דיזער קרעדיט צו לאָקאַל 35, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו אַראַנזשירען אז די וואַהלען זאָלען פאָרקומען ווי אם שנעלסטען, און די אנדערע לאָקאלס האָבען נאָכגעפאָלגט דיזען ביישפּיל.

* * *

כאָטש די לעצטע וואַהלען זיינען געווען די שענסטע, אין פאַרגלייך מיט די וואַלען פון די פאַרגאַנגענע יאָהרען, דאַרפען די מעמבערס יעדענפאלס זיין צופרידען וואס די לעצטע קאָנווענשאָן האָט באַשלאָסען אָפּצוהאַלטען צוויי־יעהרליכע אָנשטאָט יעהרליכע וואַהלען. עס איז ניט אזוי די פראַגע וועגען די געלד וואס די צוויי־יעהרליכע וואַהלען וועלען איינשפּאָרען אונזערע לאָקאלס, ווי וועגען דעם טומעל וואס שאַפט זיך ארום די וואַהלען, וועלכער מאַכט די יוניאָן אויסזעהן קליינליך און נישטיג פאַר דער עפענטליכער מיינונג. פאַר פאַרשלאָגען דיזע רעזאָלוציע קומט לאָקאַל 89 ניט נאָר פיל קרעדיט נאָר זאָגאָר א לאָרבער קראַנץ פון אלע מיטגלידער וועלכע האָבען ניט קיינע פּאָליטישע אַמביציעס און ביי וועמען די יוניאָן און די אינטערנעשאָנעל איז א הייליגטום.

* * *

ווען דיזער איבערבליק וועט ערשיינען, וועט שוין זיין נאָך די אינסטאָלליישאָנס אין די לאָקאלס וואס האָבען לעצטענס אָפּגעהאלטען זייערע וואַהלען פאַר בעאַמטע. וואס אנבאַלאַנגט די אינסטאָלליישאָנס גופא, וועלען מיר וועגען דעם שרייבען אין דעם נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט". אַצינד ווילען מיר בלויז באַמערקען, אז פונקט ווי אונזערע לאָקאלס האָבען זיך צוגעאיילט מיט די וואַהלען, האָבען זיי זיך אויך צוגעאיילט מיט אָפּפאַרטיגען זייערע אינסטאָלליישאָנס ווי אם שנעלסטען, כדי צו געבען דעם דזשאָינט באָארד די מעגליכקייט צוזאַמענצושטעלען זיין סטעף ווי אם שנעלסטען, אזוי אז די רוטינע ארבייט אין די אָפיסעס זאָל ניט צוריקגעהאלטען ווערען. די לאָקאלס, ווי עס שיינט, באַגרייפען אַז די יוניאָן שטעהט יעצט אויף דעם שוועל פון קומענדען ספּרינג סיזאָן און מיר טאָרען דארום ניט פאַרלירען קיין צייט אין צוגרייטען אונזער מאַשינערי אזוי אז מיר זאָלען זיין אימשטאַנד צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון אונזערע צעהנדליגער טויזענדער מיטגלידער. מיר האָפען אז די גרויסע צאָל קלאוק מאַכער וואס האָבען ניט געהאַט קיין גינסטיגען ווינטער סיזאָן וועלען, ניט אכטענדיג דאַרויף, באַגעגענען דעם אָנקומענדען ספּרינג סיזאָן מיט מוט און ענטשלאָסענהייט ניט צו לאָזען די באַלעבאַטים זיך באַנוצען מיט דער אונגינסטיגער לאַגע פון פאַרגאַנגענעם סיזאָן ווען עס וועט קומען צו סעטלען די פּרייזען. זיי טאָרען בשום אופן ניט לאָזען זיך פאַרבלענדען פון די זיסע רייד פון זייערע באַלעבאַטים און זייערע צוזאָגען פאַר א סך ארבייט אויב די פּרייזען וועלען געסעטעלט ווערען ביליג.

* * *

ברודער ליוויי, מענעדזשער פון לאָקאַל 1, איז ווידער באַשטימט געוואָרען צו נעמען דעם אויפזיכט איבער אלע פּרייז־סעטעלמענטס און זעהן אז די פּרייזען זאָלען געסעטעלט ווערען אזוי אז די ארבייטער פון איין שאַפּ זאָלען ניט קאָנקורירען מיט די ארבייטער פון אנדערע שעפּער.

וואס אנבאַלאַנגט ברודער ליוויי, ווייסען מיר פון פריהערדיגער ערפאַהרונג, אז ער פאַרשטעהט זיין אויפגאַבע גרינדליך און מיר זיינען איבערצייגט אז ער וועט דיזעלבע ערפילען עהרענהאַפט. זיין ערפאָלג אבער ווענדעט זיך אָן דער מאָס קאָאָפּעראַציע וואס ער וועט קריגען פון די קלאוק מאַכער זעלבסט. מיר ווילען דארום אז די קלאוק מאַכער, און איבערהויפּט די שאַפּ טשערליים, זאָלען האָבען אין זינען אז בלויז מיט זייער הילף קען ברודער ליוויי פאָלקאָמען זיין גרויסע און שווערע אויפגאַבע ערפילען. זיי דאַרפען אויך האָבען אין זינען, אז העלפענדיג ברודער ליוויי אין דורכפיהרען דיזע אויפגאַבע, העלפען זיי זיך אליין געבען די מעגליכקייט ארויסצובאַקומען פון דעם קומענדען סיזאָן וואס מער.

די בייערס וואס קויפען די אויפגעמאכטע פרויען קליידער, פון א נעגליזשע ביז א קאָוט, האָבען, ווי געוועהנליך, ביים ענדע פון אלטען יאָהר זיך ניט אויסגעשלאָסען פון דעם כלל פון אינדוסטריעלע און האנדעלס נביאים. זיי האָבען פּראָפעצייעט אז דער יאָהר 1935 וועט זיין א גוטער פאַר דער פרויען קליידער אינדוסטרי. זיי זאָגען אז די קלאוק אינדוסטרי האָט אלע אורזאכען צו האָפען אז איהר לאַגע וועט זיך ענדערען צום בעסערען און אז איהר צוקונפט איז א געזיכערטע. דיזעלבע פּראָפעציאונג האָבען זיי אויך פאַראויסגעזאָגט לעצטען יאָהר אין דער צייט, און דאָך קענען מיר זאָגען מיט זיכערקייט אז די גרויסע מאַיאָריטעט פון די קלאָוק מאַכער איז העכסט צופרידען וואס דער יאָהר 1934 איז שוין פאַרשריבען אין פנקס פון דער פאַרגאַנגענהייט. נאַטירליך דאַרף מען אויף זיי קיין פאַראיבעל ניט האָבען, ווארים זייער נביאה איז ניט מקוים געוואָרען. זיי האָבען זיכער געוואָלט אז עס זאָל זיך אויסלאָזען ווי זיי האָבען פּראָפעצייעט.

כאָטש מיר קענען ניט אָננעמען פאַר גוט געלד זייערע נביאות פאַר דעם יאָהר 1935, צוליב דעם וואס פון זייערע פריהערדיגע נביאות האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידים, מעגען מיר פון דעסטוועגען זיך צוהערען צו דעם וואס זיי זאָגען וועגען דעם קומענדען ספּרינג סיזאָן, ווייל עס איז דאָ אין דעם א היבש ביסעל לאָגיק.

זיי זאָגען אז דער סיזאָן וועט זיך אנפאַנגען מיט סוטס און סוועגערס. דיזע צוויי סטיילס קליידער וועלען האַלטען די אינדוסטרי ביזי דעם ערשטען העלפט פון סיזאָן ביז עס וועלען אנקומען די קאָוטס.

אין אלגעמיין, האָבען די לעצטע ספּרינג סעזאָנס געהאַט מעהר ארבייט ווי די ווינטער סיזאָנס. די אורזאכע איז א גאַנץ איינפאַכע. דער ספּרינג גאַרמענט קאָסט באַדייטענד ביליגער ווי דער ווינטערדיגער מלבוש, און די דורכשניטליכע פרוי קען זיך גיכער ערלויבען איהם צו קויפען.

דער סוועגער סוט, אויסער דעם וואס ער איז זעהר אנציהענד פאַר דעם שעהנעם געשלעכט, איז ער זעהר פּראַקטיש און, נאָך מעהר פון אלעם, איז ער עקאָנאָמיש. אין דעם סוועגער סוט האָט די פרוי א קאָוט און א סוט, און זי קויפט דאָס פאַר כמעט א העלפט פון דעם פּרייז וואס זי דאַרף באַצאָלען פאַר א ווינטער קאָוט. זי קען דיזען מלבוש געברויכען ביי פאַרשידענע געלעגענהייטען און זי איז אימער געדרעסד. מען קען זאָגען, באַשטימט, אז דער סוועגער סוט איז דער מלבוש פון דער ארבייטער פרוי. דארום, ווען דער סיזאָן וועט זיך אָנפאַנגען מיט סוועגער סוטס, ווייל עס דאָ פאַר איהם א פאַרלאַנג, איז דאָ א האָפענונג אז מיר וועלען האָבען א לעבעדיגען און טעטיגען סיזאָן.

אנערקענונגס־רעזאָלוציע

מיר, די ארבייטער פון ליוויי, בלום און גאָלדשמידט, פאַרזאַמעלט אויף א שאַפּ־מיטינג, האָבען איינשטימיג באַשלאָסען אויסצודריקען אונזער הארצליכען און ברידערליכען דאַנק צו די פאַרשטעהער פון לאָקאַל 1, ברודער בענדזשאַמין קאַפּלאַן און ברודער י. מילער, ווי אויך צו די פאַרטרעטער פון לאָקאַל 9, ברודער סאַרקין און ברודער הערמאַן, פאַר זייער שווערער, אומערמידליכער ארבייט אין שליכטען די פיל־פאַרפּלאָנטערטע צווייסטינקייטען צווישען די בעלי־בתים און די בעל־מלאכה'ס, אויך פאַר איינשטעלען פאַרשטענדניש און הארמאָניע צווישען די ארבייטער פון שאַפּ גופא.

מיר פאַרזיכערען אונזערע יוניאָן־פאַרטרעטער, דאָס מיר וועלען אימער וויסען ווי געהעריג אָפּצושאַצען די גוטע ארבייט וואס זיי טוען פאַר אונז.

סעם פאָזנער — לאָקאַל 1 שאַפּ־טשערמאַן.
י. קאַץ — לאָקאַל 1
אלעקס שטאַטמאַן — ל. 1.
אלעקס לאַנגע — לאָקאַל 9.
נ. סטיין — לאָקאַל 9
סעם גרינבערג — לאָקאַל 10.
דזש. רוימער — לאָקאַל 35.

דזשוליוס האָכמאַן אין לאָנדאָן

פון ש. קאַלדאַווסקי, געוועזענער וויס־פּרעז. א. ל. ג. וו. י.

ווייס פּרעזידענט דזשוליוס האָכמאַן האָט דאָ געוויקט עטליכע טעג אויף זיין צוריקרייזע פון סאָוועטן פארבאנד קיין ניו יארק.

מיט זיין באַקאַנטער ענערגיע האָט האָכמאַן פאַר־ווענדט די עטליכע טעג פון זיין באַזוך אין זעהן זיך מיט די פיהרער פון דער לייבאָר פאַרטיי, פון טרייד יוניאָן קאָנ־גרעס און פון די באַזונדערע גרויסע יוניאָנס. ער האָט באַזוכט די אַלע העדקוואַרטערס און געזאַמעלט אינפאָר־מאַציע וועגען די וויכטיגסטע ארבייטער אינסטיטוציעס, ווי א בין קלייבט האָניג.

די מענטעל מיקערס יוניאָן האָט איינגעאָרדענט א באַנקעט לכבוד וויס פּרעזידענט האָכמאַן, וואס איז גע־ווען שוין איין מאָל א באַנקעט.

ביי דעם באַנקעט זיינען געווען פארזאמעלט איינינע פון די אנגעזעהענסטע פאָרשטייער פון דער ארבייטער און סאָציאַליסטישע באוועגונג אין ענגלאנד.

דזש. ס. מידלטאָן, דער ניי־ערוועהלטער גענעראל סעק־רעטאר פון דער ענגלישער לייבאָר פאַרטיי (אויפ׳ן פּלאַץ פון ארטהור הענדערסאָן) איז ביי דעם באַנקעט צום ערש־טען מאָל ארויסגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט אין זיין נייעם אמט.

„דזשימי" מידעלטאָן האָט זיי גאַנץ לעבען געווידמעט דער סאָציאַליסטישער באוועגונג און ער האָט גאָר א גרויסען חלק, אויב ניט דעם גרעסטען, אין דער ארבייט פון אויפבויען די לייבאָר פּאַרטי און די טרייד יוניאָן באַ־וועגונג. א ליבער מענש מיט א מילך ווייסען קאָפּ און וואָנצעס און א יוגענטליך פרישען קאָליר אין פּנים, אן אמת׳ע „סקול גוירל קאָמפּלעקשאָן", האָט ער ניט „גע־פיהרט" די לייבאָר פּאַרטיי נאָר געשטופּט זי פאראויס זינט דעם ערשטען טאָג פון איהר גרינדונג.

עס זיינען אויך אנוועזענד געווען דער ניי־ערוועהל־טער מעיאָר פון איסט לאָנדאָן, קאָנסילאָר וואָגעל, און די מעיאָרס אין זייער גאַנצער רעגאַליע; בען טילעט, דער וועטעראן פון דער ענגלישער ארבייטער באוועגונג; א. מ. וואָל, סעקרעטאר פון דעם לאָנדאָנער טריידס און לייבאָר קאָנסיל און פיהרער פון דער „עקוויטי", און נאָך א צאָהל, וואָס וואָלט פארנומען צופיל פּלאַץ אויסצורעכענען. פאַרשטענדליך, אז אויך די פאָרשטייער פון דער אי־דישער ארבייטער באוועגונג האָבען ניט געפעהלט און די גאַנצע עקזעקוטיווע פון דער מענטעל מיקערס יוניאָן, מיט זייער סעקרעטאר, קאָונסילאר י. ל. פיין, בראש.

איך האָב שוין לאַנג ניט ביינעוואוינט אזא באַנ־קעט, וואו עס זאָל האָבען געהערשט אזא אינטימע און יום טוב׳דיגע שטימונג ווי עס איז געווען ביי דעם האָכ־מאַן באַנקעט. דאָס האָט געמוזט זיין צו פאַרדאַנקען דעם גרויסען זיג, וואס די ארבייטער באוועגונג האָט ערשט אָפּ־געהאַלטען אין די מוניציפּאַלע וואַהלען, א זיג, וואס האָט איבערשטייגען אַלע דערוואַרטונגען פון די גרעסטע אָפּ־טימיסטען.

מיר דאָ, אין דער גרויסער איסט ענד פון לאָנדאָן, האָבען ניט נאָר ערוועהלט א מאַיאָריטעט סאָציאַליסטען אין די באָראָ קאָנסילס, נאָר כולה סאָציאַליסטען. אין א טייל באָראָס איז ניטאָ קיין קאָנסערוואַטיווע אדער ליבעראַלע אָפּאָזיציע אפילו ווען איהר זאָלט זוכען איינעם אויף א רפואה. וואָלט כאָטש געווען א קאָמוניסט פון פרעהד־ליכקייט וועגען, איז דאָס אויך ניטאָ...

זיינען טאַקע ביי דעם האָכמאַן באַנקעט געווען א היבש ביסעל ארבייטער טוער, וואָס האָבען ערשט נעכטען געהייסען מיט זייערע פּשוטע נעמען און זיינען פּלוצים פארוואנדעלט געוואָרען אין „קאָנסילאָרס" פאַר די נעמען און די איניציאַלען ל. ק. ק. (לאָנדאָן קאונטי קאונסיל) נאָך די נעמען, וכדומה.

דער מעיאָר, קאָנסילאָר וואָגלער, א יונגער מאַן אין די פריהע דרייסינער, האָט געזאָגט, אז א חוץ סאָציא־ליסט און לייבאָר מאַן האָט ער נאָך א גאָר נאָהענטע שייכות מיט דעם גאַסט, דזשוליוס האָכמאַן, — הגם ער אליין איז א סקולמייסטער, איז ער אָבער א זוהן פון א גוטען אידישען שניידער. איז וואָס קען זיין נעהענטער?

הכלל, א חוץ דאָס גוט ביסעלע משקה, מיט די לאָק־שען און הון און קניידלעך און שער ירקית פון וואס די „גוים" האָבען געהאַט א באַזונדער הנאה, זיינען געווען רעדעס אין וועלכע די וואונדער פון דער אינטערנעשאָנעל זיינען ארומגערעדט געוואָרען.

לסוף האָט גערעדט האָכמאַן.

האָכמאַן איז פון אלע מאָל געווען א גוטער רעד־נער. איך האָב איהם שוין אָבער ניט געהערט רעדען פאַר א משך פון יאהרען, און דאָס מאָל, דאָ אין לאָנדאָן, איז זיין רעדע געווען אן אמת׳ע מייסטערווערק.

ער האָט דערצעהלט וועגען דעם „תחית המתים" פון דער אינטערנעשאָנעל, אונטער דער גלענצענדיר פיהרער־שאַפט פון דוד דובינסקי; וועגען דעם גלאָררייכען זיג פון די ה־עס מאכער אין אויגוסט, 1933, און וועגען דעם איצ־טיגען מצב פון דער יוניאָן; וועגען דער נ. ר. א., דעם אלגעמיינעם צושטאַנד פון לאַנד און בפרט וועגען דער אמעריקאנער ארבייטערשאַפט, וואס טשוכעט זיך אוים פון דער „איקוויל אָפּאָרטיוניטי" אילוזיע און ווערט אלץ קלאסען־באוואוסטער.

דאָס איז פאָרגעקומען א שבת אוועגט און דינסטאג, דעם 4טען דעצעמבער, האָט האָכמאַן געהאַלטען א פאָר־טראָג פאַר א גרויסגעפאַקטען זאַל פון מענטעל מיקערס (קלאוק מאכער, בלע"ז).

ער האָט געהאַלטען דעם עולם — לינקע און רעכטע — געשפּאַנט פאַר וואָסירע צוויי שעה צייט, דערצעהלענדיג זיי וועגען דער א־בייטער באוועגונג פון אמעריקע, ווע־גען דער אינטערנעשאָנעל און אזוי ווייטער.

דער גרויסער עולם האָט געשלונגען יעדעס וואָרט זיינעם, מיט אן איבעררייס בלויז פון הילכיגע אַפּלאָדיס־מענטען פון צייט צו צייט און אן איינגעהאַלטענעם הוסט פון א פאַרקילטער ברוסט.

צום סוף פון זיין פארטראג האָט האָכמאַן איבער־געגעבען איינינע איינדרוקען פון מאָסקווע און לעניגנאד.

אָבער א גאַנץ אינטעליגענטע, און איך בין זיכער, אז זיי ווייסען וואָס זיי ווילען און מיט דער צייט וועלען זיי זיין א זעהר פעסטער צווייג אין אונזער אינטערנעשאָנאל.

און איצט קום איך צו דער לעצטער סטאַנציע, און דאָס איז סיאַטעל, וואַשינגטאָן. די קלאָוק אינדוסטריע איז א קליינע. נאַטירליך, וויפיל קלאָוקמאַכער עס זיינען פאַראַן באַלאַנגען זיי צו דער יוניאָן. מיר האָבען א קאָנט־ראַקט מיט די באָסעס און אַלץ איז אָלרייט.

דערפאַר האָבען מיר אין סיאַטעל א באַדרייטענדע דרעס אינדוסטריע. לעצטען יאָהר האָבען מיר אָרגאַני־זירט א לאָקאַל, אָבער ניט האָבענדיג קיין צייט צו בליי־בען דאָרט פאַר א לייננערע צייט, איז דער לאָקאַל אביסעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען. ווען פּרעזידענט דובינסקי איז געווען דאָרטען, האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט די מיטגלידער און ער האָט זיי געזאָגט אז אן אָרגאַניי־זער וועט קומען קיין סיאַטעל. זייענדיג נאָכדעם אין סיאַטעל, האָב איך געהאַט איינינע מיטינגען מיט די מעמ־בערס און אויך געהאַט איינינע קאָנפערענצען מיט די באָסעס, און עס איז מיין מיינונג, דאָס מיט א העפטיגען קאַמפּיין קען מען ברענגען צו א פאַרשטענדניש צווישען די ארבייטער און די ארבייטסגעבער. איהר ווייסט דאָך אוואדי, אז שוועסטער פאַסאַטאַ איז געשיקט געוואָרען קיין סיאַטעל. איך בין זיכער אז איהר זיין דאָרטען וועט ברייגען די געווינשטע רעזולטאַטען.

845609A

יוניאָן און טרייד נייעס פון דער ווייטער וועסט

פון י. פיינבערג

וויים-פּרעזידענט א. ל. ג. וו. י.

די קלאָוקמאַכער ווילען גוטמאַכען וואָס זיי האָבען ביז איצט פאַרנאַכלעסיגט. אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבען זיי אַ סך געזינדיגט און פאַרנאַכלעסיגט, און איהר ווייסט דאָך אַז אַרבייטער דאַרפען פאַר זייערע זינד ניט וואַרטען זעהר לאַנג צו קריגען זייער שטראָף. זיי קריגען דאָס גלייך אין אַ פולער מאָס. איהר דאַרפט בלויז אַ פרעגן טאָן וואָס דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך געטאָן אין דער קלאָוק אינדוסטריע ניט זעהר לאַנג צוריק. עס וועט גענוג זיין בלויז צו דערמאָנען דעם פאַקט אַז מען האָט געאַרבייט זיבען טעג אַ וואָך, נאַטירלאַך, אחוץ אָווערטיים, פאַר דער גרויסער סומע פון אַכטצעהן דאָלאַר אַ וואָך און נאָך ווייניגער. דערפאַר אָבער האָבען באָסעס ערלויבט די אַרבייטער צו פילאָזאָפירען. נאָר וואָס עס האָט פּאַסירט ווייסט איהר דאָך. די אינטערנעשאָנאַל האָט די קלאָוק מאַכער אויפגעוועקט! און זינט דאַן — וואָס פאַר אַן ענדערונג? איהר קענט זיך קוים פאָרשטעלען. דער פאַקט אַליין אַז ווען אונזער פּרעזידענט איז געווען ביי אונז צונאָסט, האָבען אונזערע באָסעס געמאַכט יערען פאַרזוך צו טרעפען זיך מיט איהם. בלויז מיט אַ שטיקעל צייט צוריק ווען דער זעלבער דובינסקי איז דאָ געוועזען, האָט ער ניט געקענט קריגען די באָסעס צו אַ קאָנפערענץ. וואָלט דאָך דאָס געדאַרפט זיין אַ וואונדערבאַרער ביישפּיל פאַר אַרבייטער איינינקייט, האָבען אונדערסטוועגען זיך ניט לאַנג צוריק אָנגעהויבען ווייזען סמנים פון שוואַכקייט, מיספאַרשטענדניס און רייסערייען. דאָס האָט זיך גלייך אָפּגערופען אין די שעפּער, און ווייטער איז געקומען די אינטערנעשאָנאַל און געקלאָפּט טרעוואָגע און צום קרעדיט פון די מעהרסטע אַקטיווע טוער פון דער יוניאָן, האָבען זיי איינגעזעהען אַז זיי קריכען אין אַ טיפער בלאָטע און האָבען גלייך זיך פאַרקירעוועט אויף דעם גלייכען וועג און עס איז גלייך אָפּגעקלונגען אין שטאָדט. די קלאָוק מאַכער האָבען זיך אַרומגערינגעלט אַרום דער יוניאָן, עס האָט ווייטער אָנגעהויבען הערשען דער יוניאָן גייסט אין די שעפּער. נאָך אַזאַ פריידליכער ערשיינונג דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, האָבען די קלאָוקמאַכער אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן אַז מען מוז צאָהלען דיוס און טעקסעס, אויב מען וויל האָבען אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, און זיי צאָהלען טאַקע אויך דיוס.

איהר ווייסט דאָך אודאי, אַז מיר האָבען דאָ אויך אַ דרעס מאַכער יוניאָן, דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דיזער גרויסער שטאָט, וועלכע איז באַטראַכט געוואָרען און ווערט נאָך באַטראַכט פאַר דער פעסטונג פון אַנטי־יוניאָן פּרעסערס, האָט אונזער אינטערנעשאָנאַל צוטרייסעלט דיזע פעסטונג און אַריינגעטראָגען האָפנונג אין די הערצער פון די אַרבייטער פאַר אַ פאַרלאַנג פון מענשליכע רעכט, און אויך דאָ קענט איהר אָנטאַפּען די ענדערונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען. עס וועט זיין גענוג דער פאַקט אַז די שפּאַנישע מיידלאַך און מענער וועמען די באָסעס פלעגען סטראַשען מיט אַרויסשיקען פון לאַנד אויב זיי וועלען שטערען די זאָגענאַנטע רוהע און אָרדנונג פון אונזער אינדוסטריע זיינען איצט אָרגאַניזירט.

די מיידלאַך שטעלען יעצט צוזאַמען דעם אַקטיווסטען טייל פון אונזער אָרגאַניזאַציע. זיי קעמפען פאַר פרייהייט, פאַר זייערע רעכט אין די שעפּער, אין דער פּיקעט ליין. דיינקט ניט אַז אַלץ איז שוין אַלרייט, ניין, עס איז נאָך פאַראַן זעהר אַ סך אַרבייט ביז מיר וועלען ברייננען אַלע אַרבייטער וואָס אַרבייטען אין די נידעל טריידס, אונטער דער אינטערנעשאָנאַל פאָהן. מיר גרייטען צו אַן אָרגאַניזאַציאָנס קאַמפּיין און מיר האָפען אַז ער וועט ברייננען גרויסע רעזולטאַטען.

מיר האָבען שוין דאָ געהאַט עלעקשאַנס פאַר אַלע אונזערע באַצאָהלטע און ניט באַצאָהלטע בעאַמטע. אונזער נייע אַדמיניסטראַציע טרעט דאָ צו דער אַרבייט מיט אַ פעסטער אָרגאַניזאַציע, אַ גוטע מעמבערשיפּ און מיט אַלע אויסזיכטען צו עטאַבלירען אַזוי פיל פאַרבעסערונג פאַר דער מיטגלידערשאַפט וויפיל די באַדינגונגען וועלען נאָר ערלויבען. איך ווינש זיי פערזענליך סוקסעס.

***

איצט לאָמיר אַ קוק טאָן אין סאַן פראַנציסקאָ. עס איז בלויז 460 מייל פון לאָס אַנדזשעלעס, אָבער שוין גאָר אַן אַנדער אַטמאָספערע. ווען איהר קומט אַריין אין שטאָדט דערפיהלט איהר גלייך דעם אונטערשייד פון לאָס אַנדזשעלעס. סאַן פראַנציסקאָ איז אַ יוניאָן שטאָט. אונזערע קלאָוקמאַכער האָבען אַ זעהר גוטע יוניאָן, קאָנטראָלירען פולשטענדיג דעם טרייד, און ווען זיי האָבען אַרבייט מאַכען זיי אַ לעבען. פאַר די לעצטע עטליכע מאָנאַטען האָבען זיי געהעכערט די ווידזשעס פון אַ פּאָר הונדערט אַרבייטער. ווי איהר ווייסט, אַרבייטען זיי פון וואָך, און די באָסעס האָבען געמאַכט אַ פאַרזוך צו מאַכען די מינימום ווידזשעס פאַר די מאַקסימום. האָבען מיר ניט געלאָזען. ספּעציעל איז דאָס געווען דער פאַל מיט די פרויען אַרבייטער. די שטעלונג פון דער יוניאָן האָט מעגליך געמאַכט די העכערונג, און דער פּעיראָל איז געהעכערט געוואָרען מיט אומגעפער פינף דאָלאַר אַ וואָך. די מעמבערס פיהלען אַז זיי האָבען אַ פאַרטיידיגער. די באַציהונג פון דער יוניאָן מיט דער אַסאָסיאיישאָן זיינען גאַנץ נאָרמאַלע. די דרעס מאַכער האָבען אַ שעהנע אָרגאַניזאַציע, האָבען אַ קאָנטראַקט מיט די באָסעס. צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט וואָס די יוניאָן איז אַ שטאַרקע, האָבען זיי ניט קיין שאַרפע סכסוכים מיט די באָסעס. אויך דאָרטען האָבען מיר אַ גאַנץ אינטעליגענטע פיהרערשאַפט און זעהר אַ איבערגעבענע. אונזער שוועסטער דזשעני מאַטיוס איז די אָרגאַנייזערין פאַר דער אינטערנעשאָנאַל און זי פיהרט אָן אַ פאַרצווייגטע טעטיגקייט.

***

איצט לאָמיר זעהן וואָס עס טוט זיך אין פּאָרטלענד. דאָרט האָבען מיר אַ זעהר שעהנעם לאָקאַל פון קלאָוק מאַכער. די באַדינגונגען איצט און וואָס זיי זיינען געווען — דאַרפט איהר בלויז פרעגן ביי די אַרבייטער. די מעהרסטע פון די אַרבייטער זיינען פרויען. עס וועט ניט זיין איבערטריבען ווען איך וועל זאָגען, אַז דער אונטערשייד איז ווי פון טאָג צו נאַכט.

זייער לעצטער סעזאָן איז געווען זעהר אַ שלעכטער. נאַטירליך, האָבען די באָסעס אָנגעפאַנגען ריידען פון רעאָרגאַניזיישאָן. זייענדיג אין יענעם געגענט צו יענער צייט, האָבען מיר אויפגענומען דיזע פראַגע, און נאַטירליך, ערקלערט די באָסעס אַז זיי זאָלען זיך ניט מאַכען נאַריש, און זיי האָבען מיך געפאָלגט. דאָס צייגט, אַז זיי זיינען קלוגע מענשען.

קיין דרעס טרייד האָבען מיר דאָרט ניט. עס זיינען פאַראַן אַ פּאָר שעפּער. בין איך זיכער, אַז זיי וועלען אָרגאַניזירט ווערען אין דער זעהר נאָהענטער צוקונפט. איין פאַבריק איז דאָרטען דאָ אַ גרויסע, זי רופט זיך „די דזשעקסאָן ניטינג מיללס". דאָס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פירמע, זעהר פּאַטריאָטיש געשטימט, אַ באַוויז — זי האָט אַרויסגעוואָרפען עטליכע הונדערט אַרבייטער דערפאַר, ווייל אין סאָוט אַמעריקע קריגט מען ביליגערע הענט. אין פּאָרטלאַנד איז די פירמע אַ אינסטיטוציע. אָבער מיר שרעקען זיך ניט. פּרעזידענט דובינסקי האָט מיך איינסטרואירט צו מאַכען אַלע נויטיגע אַראַנדזשמענטס צו אָרגאַניזירען די אַרבייטער ביי דיזער פירמע. איך האָב, נאַטירליך געמאַכט די אַראַנדזשמענטס, אָנגעשטעלט אַ יוניאָן־מאַן מיט'ן נאָמען מעיאָ. ער איז דער טשערמאַן פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, און איך בין זיכער אַז נאָר אין גיכען וועלען מיר אָרגאַניזירען דיזע אַרבייטער. די מעמבערשיפּ אין פּאָרטלאַנד איז פאַקטיש אַ נייע, דערפאַר

די דרעס מאַכער האַנדלען וועגען איינינקייטס־פראַגע

די מיטגלידערשאַפט פון דער דרעסמאַכער יוניאָן, לאָקאַל 22, א. ל. ג. וו. י., האָט מיט אַן אומגעהויערען וואוט אונטערשטיצט די פּראָגרעסיווע אדמיניסטראַציע ביי אַכט סעקציע מיטינגען, וואָס זיינען אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אַלע טיילען פון שטאָט, דאָנערשטאָג, דעם 20טען דעצעמבער.

די הויפּט אישו איז געווען די אַזוי גערופענע „איינינקייט פראַגע", דאָס הייסט, די פראַגע פון אריינ־נעמען די מיטגלידער פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן אין דער אינטערנעשאָנאַל. ביי 7 פון די 8 מיטינגען איז די שטעלונג פון דער עקז. באָארד פון לאָקאַל 22, נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע, אינדאָסירט געוואָרען פון די דרעסמאַכער. די אַלגעמיינע צאָהל שטימען אָפּגעגעבן ביי די סעקציעס איז געווען 1931, פון וועלכע 1174 זיינען געווען פאַר דער דעקלאַראַציע פון דער עקז. באָארד, וואָס איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען צו די מיטגלידער פאַר גוטהייסונג.

דער וויכטיגסטער מיטינג פון אַלע איז אָהן צוויי־פעל געווען דער, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין אַפּער בראָנקס, אין אַמבאַסאַדאָר האָל. די דאָזיגע סעק־ציע איז אַלעמאָל באַטראַכט געוואָרען אלס די פעסטונג פון דער „לינקער גרופּע". צו דעם מיטינג האָבען די לינקע אָנגעשטריינגט אַלע זייערע כוחות און מאָביליזירט אַלע זייערע אונטערשטיצער, אָבער עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפען. נאָך אַ היציגער דיסקוסיע, אין וועלכער טשאַרלס ס. זימערמאַן, דער מענעדזשער פון לאָקאַל, האָט אַנטייל גענומען, איז די שטעלונג פון דער פּראָגרעסיווער אדמי־ניסטראַציע ענטוזיאַסטיש גוטגעהייסען געוואָרען.

זימערמאַנ'ס רעדע ביי דעם מיטינג איז געווען זייער איינדרוקספול: „איצט גראַטולירט די „לינקע גרופּע" גאָלד'ן פאַר'ן באַשלוס אריינצוקומען אין דער אינטער־נעשאָנעל", האָט זימערמאַן אָנגעוויזען. „אָבער מיט צוויי יאָר צוריק האָבען מיר זיך געבעטען ביי דער „אינדאַסט־ריעל" אריינצוגיין אין דער אינטערנעשאָנעל און שאַפען איין יוניאָן. אָבער דאָס האָט די אינדאַסטריעל מיט גדלות ענטזאָגט. וואָלטען די „לינקע" באמת געווען פאַר־אינטערעסירט אין איינינקייט, וואָלטען זיי איצט אונז באַדאַרפט גראַטולירען און ניט אַטאַקירען אויף אַזאַ אומ־פּרינציפּיעלען אופן. עס איז ניט קיין פראַגע פון צאָהל, — האָט זימערמאַן פאָרטגעזעצט, — עס איז ניט קיין פראַגע צי 200 אָדער 2000 וועלען אריינקומען. עס איז אַ פראַגע צוליב וואָס קומען זיי אריין, וואָס וועלען זיי טאָן אין דער יוניאָן. — וועלען זיי העלפען אויפבויען און אויסבעסערען זי אָדער אונטערמינעווען און צעשטע־רען זי. פון זייערע אייגענע ווערטער און מעשים קען מען זעהן, אַז זיי האָבען נאָך ניט אויפגעגעבען זייערע דואַל־יוניאָניסטישע צילען, כאָטש זיי זיינען געווען געצוואונגען אויפצולייזען דעם דרעס דעפּאַרטמענט פון דער אינדוסט־ריעלער יוניאָן.

„זיי האָבען זיך אָנטזאָגט צו פאַרדאַמען לאַזאָווסקי'ס אָפיציעלע דערקלערונג: „אַז מיר ווילען פאַרניכטען די רעפאָרמיסטישע יוניאָנס — וועגען דעם קען קיין שום צווייפעל ניט זיין!" אָדער דעם סטייטמענט פון ראָוז וואָרטיס: „אונטער די מעכטיגע קלעפּ פון דער פאַר־אייניגטער באַוועגונג פון די דרעסמאַכער, וועט די צע־פוילטע באַזע פון דער קאָמפּאַני יוניאָן אינ'ם דרעס טרייד (אַזוי רופט זי אָן די אינטערנעשאָנאַל) אָפּגעווישט ווע־רען!" בעת זיי ריידען אַזוי פיעל וועגען איינינקייט דאָ אין ניו יאָרק, פיהרען זיי אָבער אָן אַ פאַרצווייפעלטען קאַמף געגען דער פאַראייניגונג פון די דרעסמאַכער רייען אין מאָנטרעאָל, קענעדע. דאָרט, אין מאָנטרעאָל, זיינען די באַדינגונגען אומגלויבליך צרה־דיג, און איינינקייט איז דאָרטען נויטיג מעהר ווי וואו עס איז. דאָך איז דאָרט די אינדוסטריעלע יוניאָן ארויסגעקומען אָפען געגען די אָנשליסונג פון די דרעס קאַטערס אין דער אינטערנעשאָ־נאַל. און איצט אַטאַקירען זיי אויף דעם שמוציגסטען אופן פרענק ברעסלאַו, דעם מענעדזשער פון דער דרעס קאַטערס יוניאָן, פאַר דורכפירען די דאָזיגע אָנשליסונג. מען האָט איהם אַפילו אויסגעשלאָסען פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי פאַר דעם „פאַרברעכען!" פון דעם אַלע־מען קענען די דרעסמאַכער אַליין אורטיילען די ערנסטקייט און אויפריכטיגקייט פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן און איהר גאַנצער גערעדעריי וועגען איינינקייט.

„אונזער פּאָזיציע איז אַ פולשטענדיג אויסגעהאַל־טענע", האָט זימערמאַן פאַרענדיגט. „מיר זיינען אַלעמאָל געווען פאַר איינינקייט און מיר זיינען דאָס איצט אויך. פונ'ם דזשענעראַל סטרייק אָן האָבען מיר אריינגענומען מעמבערס פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן, און מיר האָ־בען אַפילו פאַרלייכטערט זייער אריינקומען. קיינער איז ניט געהאַלטען געוואָרען און וועט ניט געהאַלטען ווערען אויסער אונזער לאָקאַל. די „לינקע" האָבען מיך אַטאַקירט דערפאַר, ווייל, ווי זיי זאָגען, אַנדערע לאָקאַלען וועלען זיי ניט אריינגעמען. נו, האָט איצט די אינטערנעשאָנאַל באַשלאָסען אריינצונעמען זיי אין אַלע לאָקאַלן אָן דיסקרי־מינאַציעס און האָט אויך באַשלאָסען אַז אין לאָקאַלען מיט הויכע איינטריטס געלט זאָלען רעדוצירונגען גע־מאַכט ווערען. זיינען זיי צופרידען מיט די באַדינגונגען? ניין, זיי זיינען ניט. זיי האַלטען אונז נאָך אַלץ אין איין אַטאַקירען אויף דעם זעלבען מיאוסען אופן. אָבער מיר זיינען באמת פאַראינטערעסירט אין איינינקייט און מיר וועלען קעמפען ביז וואַנען יעדער דרעסמאַכער וועט זיך געפינען אין אונזערע רייען.

זימערמאַנ'ס ווערטער זיינען ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט געוואָרען. די דאָזיגע ווערטער דריקען אויס דעם סענטי־מענט פון דער גרויסער מאַסע מיטגלידער פון לאָק. 22.

איצט, אַז די מיטגלידערשאַפט האָט שוין געזאָגט איהר וואָרט, איז שוין ניטאָ פאַר קיינעם קיין אויסרייד פאָרצוזעצען דעם טומעל ארום דער אישו פון „איינינ־קייט". מיט'ן קומען פון דעם ספרינג סעזאָן און מיט דער פּראָבלעם פון סטעלען פרייזען אין די שעפּער אויפ'ן טאָג־אָרדנונג, וועלען די דרעסמאַכער מעהר ניט דער־ליבען קיין שום דעמאָראַליזאַציע

אנערקענונגס־רעזאָלוציע

די ארבייטער פון „סמאַרט מייד קאָאָט", 545 8טע עוועניו, האָבען געהאַט אַ באַנקעט שבת אָוונט, דעם 22טען דעצעמבער, אין סענטראַל פּלאַזאַ האָל, 111 צווייטע עוועניו. פאַרזאַמעלט מיט די פרויען און די באַלעבאַטים, מר. הענדלער און מר. ראָטשטיין, אין דער אַנוועזענהייט פון יוניאָן פאַרטרעטער, די ברידער א. בעל־סאָן און דזש. שניידער, פון לאָקאַל 17; ברודער גאָלדאָווסקי פון לאָקאַל 35, און אַלע צוזאַמען האָבען זיך זעהר שעהן אַמוזירט אונטער אַ פריינדליכער אַטמאָספערע, אויסדרי־קענדיג דערביי די אָנערקענונג דורך ווערטהפולע פּרעזענ־טען צום שאָפּ טשערמאַן, ברודער איזידאָר גרושקין, צום מענעדזשער פון לאָקאַל 17, ברודער דזשייקאָב העללער, און צום ביזנעס אגענט ברודער אברהם בעלסאָן, פאַר זייער אויפריכטיגער ארבייט פאַר די ארבייטער פון שאָפּ.

אין דער אַבוועזענהייט פון ברודער העללער, איבער קראַנקהייט, איז איהם איבערגעשיקט געוואָרען הארציגע וואונשען פון די ארבייטער און זייער נייגעריגקייט צו זעהן איהם אין גיכען געזונט, ביי זיין ארבייט אלס פיה־רער פון די ריפער מאַכער.

ביי דער געלעגענהייט זיינען געהאַלטען געוואָרען פאַר־סענדע רעדעס פון אַלע צדדים, אונטער דעם טאָוסטמייס־טער, ברודער סניידער.

פעלדמאַן, שווארצער, קאַנטאָראָוויץ,
שאָפּ קאָמיטע.
איזידאָר גרושקין, שאָפּ־טשערמאַן.

דער אויפשטייג פון דער סקוירט מאכער יוניאן לאָק. 23

פון ל. רים, מענעדזשער לאָקאל 23 א. ל. ג. וו. י.

בעפאר דעם סטאפּעדזש, וואס דער דזשאינט באָארד פון קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאן האָט געמאכט אין יאהר 1932, איז די מעמבערשיפ פון דער סקוירט מאכערס יוניאן געווען אין גאנצען ניט מעהר ווי ארום הונדערט און פופציג. דיזע ארבייטער האָבען געארבייט ביי דעם סוט און סקוירט טרייד. דער סעפערעט סקוירט טרייד איז אין גאנצען ניט געווען אָרגאניזירט. עס איז געווען ערשט דער אָנפאנג, וואס די סעפערעט סקוירט האָט אָנגעהויבען צוריק אריינקומען אין מארקעט און פילע פארזוכען זיינען געמאכט געווארען פון די בעאמטע און אקטיווע מעמבערס פון דער יוניאן צו ארגאניזירען די ארבייטער פון די סעפערעט סקוירטס. אָבער אָהן ערפאלג. די שווערינקייטען זיינען באשטאנען אין דעם וואס דער טרייד איז מייסטענס געלעגען אין שפּאניאָלישע הענד. די שעפער זיינען געווען פאמיליע שעפער. טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער און קינדער זיינען געווען די בעלי בתים און ארבייטער. און עס איז געווען ניט קיין לייכטער דזשאב דיזע ארבייטער צו אָרגאניזירען.

די לאגע האָט זיך אבער געענדערט. דער פארלאנג פון סעפעראט סקוירטס איז געווארען גרעסער און די מאנופעקטשורערס זיינען געווען געצוואונגען צו עפענען גרעסערע שעפער. זיי האָבען ארויסגעמופט פון זייערע קליינע סוועט שאפּסעלעך און האָבען געעפענט שעפער אין גארמענט דיסטריקט מיט 40 און 50 מאשינען. דאס האָט געגעבען דער יוניאן א בעסערע מעגליכקייט צו אָרגאניזירען די ארבייטער. און אין דער צייט פון סטאפּעדזש פון 1932, ווען די נ. ר. א. איז שוין אריין אין קראפט, איז מיט דער איבערגעבענהייט פון די אקטיווע מעמבערס פון לאָקאל געלונגען צו אָרגאניזירען טויזענד ארבייטער וואס האָבען געארבייט ביי סעפערעט סקוירטס. אויסער איטאליענישע ארבייטער, וועלכע האָבען זיך אין א גרויסער צאָל אנגעשלאָסען אין לאָקאל 48, פרעסערס און לאָקאל 35, און קאטערס אין לאָקאל 10. דיזע ארבייטער זיינען געווען באשעפטיגט ביי 45 דזשאבערס און מאנופעקטשורערס וועלכע האָבען אויך געהאט ביי ארום דרייסיג קאָנטראקטאָרס. די באסעס האָבען דערפילט דאס זיי וועלען מוזען פארהאנדלען מיט דער יוניאן, האָבען זיי זיך ארגאניזירט אין אן אסאָסיאיישאָן וואס רופט זיך די נעשאָנעל סקוירט מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן. אן אגרימענט איז מיט דיזער אסאָסיאיישאָן אונטערגעשריבען געווארען אין וועלכען עס איז גאראנטירט געווארען א 35־שטונדיגע וואך ארבייט און אויך געוויסע מינימום סקיילס פון וועלכע די ארבייטער האָבען געוואונען זעהר פיל. פון יענער צייט ביז יעצט האָט דער לאָקאל אנגעפיהרט פארשידענע אָרגאניזירשאָן ארבייט און פילע שעפער זיינען אָרגאניזירט געווארען. דער לאָקאל פארמאָגט יעצט א פאר טויזענד מיטגלידער וועלכע ארבייטען אין ארום הונדערט און פופציג שעפער וועלכע דער לאָקאל קאָנטראָלירט. זינט דעמאָלט האָט דער אָפיס איינגעמאָנט ביי א פיר טויזענט דאָלער אין בעקפעי פאר די ארבייטער.

איינצעלנע סטרייקס זיינען גערופען געווארען און געסעטעלט צו גונסטען פון דער יוניאן. יעדער קאמפּליינט איז פינקטליך אטענדעט געוואָרען.

די מיטינגען ווערען פון די מעמבערס גוט באזוכט און זיי זיינען ווירקליך פאראינטערעסירט אין אלע פראגען וואס ווערען פארהאנדעלט.

עס איז נאָך דאָ א גרויס פעלד פאר אָרגאניזיישאָן ארבייט און דעריבער האָט דער לאָקאל באשלאָסען אָנצושטעלען פאר דעם נעקסטען טוירם צוויי ביזנעס אײדזשענטס, אנשטאָט וואס ביז יעצט איז געווען נאָר אײנער, כדי עס זאָל זיין מעהר מעגליכקייט אפצוגעבען זיך מיט ארגאניזיישאָן ארבייט ווי אויך צו האָבען א בעסערען קאָנטראָל אויף די שעפער. דער אגרימענט מיט די מאנופעקטשורערס פון די סעפערעט סקוירטס ענדיגט זיך גליך מיט די אגרימענטס פון דער דזשאינט באָארד, אין מאָנאט דזשון. די עקזעקוטיוו באָארד פון לאָקאל וועט ביי די נעקסטע זיצונגען אויפנעמען די פראגע אין באצוג צום נייעם אגרימענט און מיר האָפען דאס מיט דער שטיצע פון דער אינטערנעשאָנעל און דעם דזשאינט באָארד, וועט אונזער מעמבערשיפ פארגרעסערט ווערען און דער גאנצער טרייד וועט זיין אָרגאניזירט.

אין לאָקאל 21, נוארק, נ. דזש.

פון א. קאפלאן, רעק. סעקרעטער.

העכער א יאהר און א האלב זינט אונזער לאָקאל איז ארויסגעוואקסען פון א קליין הייפעלע מעמבערס, וועלכע האָבען ארומגערינגעלט דעם לאָקאל און האָבען איהם געשיצט פון אלע שטורעמס, וועלכע האָבען געדראָהט דעם לאָקאל צו פארניכטען. און די שטורמס זיינען געווען שטארקע, פון אלע זייטען. נאָר דאָס הייפעלע מעמבערס האָבען מיט גרויס עקשנות און איבערגעבענהייט איהם באשיצט און איהם געבראכט צו א שטופע ווען מיר ציילען אריבער 700 גוטשטעהענדע מעמבערס, פון וועלכע 60 פּראָצענט אטענדען די מאָנאטליכע מעמבערשיפ מיטינגען. ווען דער לעצטער סעזאָן וואָלט ניט געווען אזא שלעכטער, אָלט אונזער לאָקאל געשטאנען אויף נאָר א העכער מדרגה סיי פינאנציעל סיי מאָראליש.

מיר גרייטען זיך צו פייערען אונזער 25טען יובילעאום, וועלכער וועט פאָרקומען דעם 23טען פעברואר. די פייערונג עט זיין אויף נאָר א געהויבענעם אופן, מיט מוזיק און טענץ, און אויך א גוטען סאפער. מיר האָפען און ווינשען נאָר אז די נעקסט פון אונזערע שוועסטער־לאָקאלען און אויך די שאפ־אָפיסערס וועלען געווים קומען.

צום לעצט וויל איך באריכטען, דאָס דעם 22טען דעצעמבער האָבען מיר געהאט וואהלען פאר באאמטע און די פאָלגענדע זיינען ערוועהלט געוואָרען:

קופער, טשערמאן; סטיין, וויים־טשערמאן; סיניטש, פינאנס סעקרעטער און מענעדזשער; קאפלאן, רעקאָרדינג סעקרעטער; ראָזענבערג, טרעזשורער; מייקעלסאָן, אינערוואך; אין עקזעקוטיוו באָארד זיינען ערוויילט געוואָרען: אלטערמאן, א. סיניטש, ס. דאטעס, מ. קאנטער, ס. קימשינסקי, ה. לאלער, ט. מאנאקא, ה. פאלטין, א. ראנאל, נ. סארדזשענט, ד. ידער, פ. זייטשיק

אנערקענונגס רעזאָלוציע.

מיר, די ארבייטער פון די רעקס קלאוק קאמפּאני, 257 וועסט 38טע סטריט, האָבען באשלאָסען אויסצודריקען אונזער דאנקבארקייט און אנערקענונג צו אונזער איבערגעבענעם שאפ טשערמאן, ברודער ווילי רובינשטיין, פאר זיין איבערגעבענהייט און זיין אלע מאָל אויף דער וואך פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער, און מיר פּרעזענטירען איהם מיט א שעהנעם, ווערטפולען פרעזענט. גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער דאנקבארקייט און אנערקענונג צו אונזער ביזנעס אגענט, ברודער מעקס גאָלדשטיין, פון לאָקאל 35, וועלכער איז אימער געשטאנען אויף דער וואך צו העלפען אונז ווען מיר האָבען זיך אין זיין הילף גענויטיגט. גלייכצייטיג פארפליכטען מיר זיך אויך צו העלפען אויף ווייטער אונזער יוניאן אין אלע קאמפען געגען אונזערע שונאים.

רעזאָלוציאָנס קאָמיטע:

מעקס גרויסמאן, לאָקאל 1, נומער 608.
דזשאו גלאסאוויטש, לאָק. 1, נומער 11392.
ראָזע יאנאף, לאָקאל 9, נומער 115,66.
אראסיא בוזאקא, לאָקאל 48, נומער 2816.

GERECHTIGKEIT (*Justice*)

גערעכטיגקייט

Vol. XVII. No. 2. **Jersey City, N. J., February, 1935** **Price 10 Cents**

הימן פון דער אינטערנעשאַנעל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן

פון עמילי בראון.

אידיש פון מארק שווייד.

1

הויבט אויף הויך די פאָן,
אונזער קאמף הויבט ערשט אָן,
מיט דער יוניאָן געהט אין שלאַכט ;
פאַראייניגט אין קריג,
וועט זיין אונזער דער זיג,
אין דער יוניאן איז אונזער מאַכט.

רעפריין :

אַ יוניאָן פון די גאַרמענט וואָירקערס,
די שטאַרקייט אונזערע ביזט דו,
דער אַרבייטער שאַפט
און ער וואַקסט אין זיין קראַפט
מיט דער אַי. על. דזשי. דאַבליו. יו !

2

דאָ און דאָרט, נאָר ביינאַנד,
אונטערדריקטע פון לאַנד,
אין דער יוניאָן שליסט זיך אָן ;
אונזער פאָהן אין דער לופט
פלאַטערט פלאַם־רויט און רופט,
וואו עס פיהרט די יוניאן פאָן.

רעפריין :

אַ יוניאָן פון די גאַרמענט וואָירקערס,
די שטאַרקייט אונזערע ביזט דו,
דער אַרבייטער שאַפט
און ער וואַקסט אין זיין קראַפט
מיט דער אַי, על. דזשי. דאַבליו יו!

אינטערנאציאָנאַלער דרעסמאַכער באַל

דאָס נייע יאהר איז געקומען. פילע מענשען דער־ווארטען א סך פונ'ם נייעם יאהר. איינינע דערוואַרטען גוטע זאכען, אנדערע ניט אזעלכע גוטע. נאָר לאָמיר פאר א מאָמענט פארגעסען די ניט גוטע אדער „אומאנגענעמע זאכען. לאָמיר בעסער שענקען אונזער אויפמערקזאַמ־קייט צו א פּאַסירונג, וועגען וועלכער יעדער דרעס מאכער רעדט און גרייט זיך צו מיט גרויס פלייס. אגו, טרעפט וואס די פּאַסירונג איז? — וואס? — ריכטיג. איר האָט געטראָפען. עס איז דער דרעס מאַכער אינטערנאציאָנאַלער באַל! פארצייכענט אויף דער וואנט, אז דעם קרעדיט פאר דעם קומט דער האַרלעם סעקציע פון לאָקאל 22.

דער דרעסמאַכער אינטערנאציאָנאַלער באַל וועט זי־כער זיין איינער פון די גרעסטע און פרעכטיגסטע אונטער־נעמונגען וואס איז ווען עס איז פארגעקומען ביי וועלכער עס איז סעקציע פון אונזער יוניאן. און כאָטש די האַר־לעם סעקציע אראנזשירט דעם באַל, ווערט אָבער די גאנצע יוניאן מאָביליזירט פאר זיין דערפאלג. דער באַל וועט זיין אין ראָקלאנד פּאַלאַס, 155טע סטריט און 8טע עוועני־גיו, שבת אווענט, דעם 19טען יאנואר.

די אראנזשמענטס קאָמיטע האָט געקראָגען צוויי פון די פיינסטע נעגערשע טאַנץ־אָרקעסטערס פאר'ן באַל. דער שטענדיג פּאָפּולערער פלעטשער הענדערסאָן און זיין אָרי־גינעלער אָרקעסטער, קאָלומביא און וויקטאָר רעקאָרדס ארטיסטען, וואס זיינען גוט באוואוסט צום ראדיא עולם, וועלען אייך פארוויילען און מאכען אייך צום טאנצען אויף וואס די וועלט שטעהט.

צו דערצו דזשעראַלד קלאַרק'ס „קאַריביען סערענאַ־דערס" די ראַזיגע חברה זיינען באוואוסט פאַר זייערע ריטמישע טענער פון קיובא און פון לאַטיינישע לענדער. דורך זייערע טענער און מעלאָדיעס וועט איהר נאָך אויף א מאָמענט דערפיהלען אין דער זוניגער שפּאַניע, אין דער פרעהליכער מאַדריד און אויף דעם בלויען קאַריבייאישען ים. דער אָרקעסטער וועט, פארשטעהט זיך, צושטעלען „רומבאַס" און „קאַריאָקאַס".

ווארט, איהר זיינט נאָך ניט פאַרטיג. אין דער מיט־נאכט שעה וועלען אויפטרעטען א רייהע פּראָמינענטע בראָדוויי און ראַדיא סטאַרס, וואס וועלען אונטער דער לייטונג פון א באוואוסטען נאַסט־דירינענט — אייך אַמוזירען מיט א מיט א פּראָגראַם פון לידער און בראָד־וויי „היטס".

ארבייטער פייערען שלום פון סיזאן אויף א היימישען שטייגער.

ארבייטער פון דעם שאַפּ נ. ר. א., 50 וועסט 17טע סטריט, האָבען דורכגעפיהרט א שעהנעם פריינדליכען צו־זאַמענקונפט פרייטאָג, דעם 30טען נאָוועמבער ביי טאָג, ביי א רייכען געדעקטען טיש פון כל טוב, אין שאַפּ, אויף א היימישען פריינדליכען אופן, צוזאַמען מיט דעם באַלעבאָס מר, אדאָלף רייזמאַן, וועלכער האָט פיל געהאָלפען אין דער אָרגאַנושמענט.

ביי דער געלעגענהייט איז איבערגעגעבען געוואָרען א ווערטפולער ריסט וואַטש צו זייער שאַפּ טשערמאַן ברודער הערי זימערמאַן, אלס אנערקענונג פון די ארבייטער פאַר זיין גוטע ארבייט, ווינשענדיג ער זאָל עס נוצען געזונ־טערהייט און פארטזעצען זיין טעטיגקייט אויף ווייטער.

ניט פארגעסענדיג אין זייער פיהרער ברודער דזשייקאָב העלער, מענעדזשער פון לאָקאַל 17, וועלכער איז איצט קראַנק, האָבען מיר געשיקט צו איהם א טעלעגראַם מיט הארציגע ווינשע צו האָבען א רפואה שלמה און ווערען געזונט אם שנעלסטען.

פון לאָקאַל 17 איז געווען פארטראָטען לואיס ליפּסקי, ביזנעס אגענט פון לאָקאַל 17.

קאָמיטע: קאָהן, קריג, יאַקובאָוויץ, קעסלער.
הערי זימערמאַן, שאַפּ טשערמאַן.

דער צוועק פון דער אונטערנעמונג איז צו אראנזשי־רען אן אלגעמיינעם צוזאמענקונפט פאר די מיטגלידער פון אונזער יוניאן און זייערע פריינט. דער גרויסער סטרייק פון אוגוסט 1933, האָט אריינגעבראכט אין אונזער יוניאן א שטראָם פריש בלוט פון די אומאָרגאַניזירטע דרעס־מאכער רייהען. צענדליגער טויזענטער דרעס מאכער פון פארשידענע ראסען און נאַציאָנאַליטעטען, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט געווען אָרגאַניזירט, האָבען אין סטרייק גע־קעמפט זייט ביי זייט אויף דער פּיקעט ליין, און זינט דעם סטרייק האָבען זיי אקטיוו אנטייל גענומען אינ'ם לעבען פון לעבען יוניאן, ביישטייערענדיג זייער חלק צום אויפ־בוי פון אונזער יוניאָן, וועלכער איז איצט א גיגאַנטישער כוח.

גו, איצט לאָמיר זיך אביסעל משמח זיין. נעמט אראָפּ אייערע הענט פון דער מאשין, לייגט אוועק אייערע שערלאך, פינגעהוטען, שפּילקעס און נאָדלען, רייניגט אָפּ אייערע קליידער, דריקט איינס דעם אנדערען די הענט — און איצט, געגאַנגען!

אגב, האָט איהר שוין אייערע טיקעטס? אויב ניט, כאַפּט זיך אריין אין יוניאן אָפיס, 232 וועסט 40טע סט., און קריגט זיי. די טיקעטס צוכאַפּט מען ווי מצה וואסער. און קאָסטען אין גאנצען 35 סענט. לאָמיר פארוואנדלען דעם באַל אין א מעכטיגער דעמאָנסטראציע פון ארבייטער קלאַס סאָלידאַריטעט, וואס זאָל אנפילען אונזערע הערצער מיט פרייד! דאָס אלץ אויף צעפּיקעניש די באָסעס, און, פארשטעהט זיך, היטלער'ן.

עדוואַרד וועלש.

לעקציעס אין לאָקאַל 22

א נייע אינטערעסאַנטע סעריע לעקציע ווערט איצט צוגעגרייט פון דעם בילדונגס דעפּארטמענט פון דער דרעס־מאכער יוניאן, לאָקאַל 22, פאר דעם חודש יאנואר. די דאָזיגע לעקציעס וואס וועלען פארקומען יעדען מיטוואָך אווענט, 1:15 אין די יוניאן העדקוואַרטערס, 232 וועסט 40טע סטריט, וועלען זיין אויף דער טעמע: „די געשיכ־טע פון גרויסע אמעריקאנער רייכטימער" און וועלען גע־געבען ווערען פון אורווינג בראון, איינער פון די זייער פּאָפּולערע לעהרער אין דער צענטראַלער יוניאן שולע.

אָט דאָס זיינען די טעמעס פון אלע 4 לעקציעס:

„ווי אזוי האָט זיך עס אָנגעפאַנגען — אסטאָר'ס רייכטום און לאַנד־ספּעקולאַציעס".

„וועגען אייזענבאַנען — דזשיי גולד און קאָרנעליוס וואנדערבילט".

„אויל און שטאָל — דזשאָן ד. ראָקעפעלער און ענ־דרו קאַרנעגי", און

„בענק און פינאַנצען — דזש. פּ. מאָרגאַן".

ווי שוין געזאָגט וועלען די לעקציעס פארקומען אין די מיטוואָך אווענטען, 6:15, יאנואר דעם 9טען, דעם 16טען, דעם 23טען און 30טען.

די דאָזיגע דיסקוסיעס וואס זיינען, פארשטעהט זיך, פריי פאר יוניאן מיטגלידער, באַצוועקען צו דערקלערען דעם אויפשטייג פון דער מאָדערנער אמעריקע. זיי באַ־צוועקען אויך צו אויפקלערען ווי אזוי אונזער סאָציאַלע סיסטעם איז געוואָרען דאָס וואס זי איז.

*

די ערשטע לעקציע אין אידיש, אראנזשירט פונ'ם בילדונג דעפּארטמענט פון לאָקאַל 22, וועט פארקומען דאָנערשטאָג, יאנואר דעם 10טען, 6 נאָכמיטאָג. ב. שער־מאַן, רעדאַקטאָר פון „פּראָלעטאַריטען געדאַנק" וועט ריי־דען אויף דער טעמע: „איז פאַראַן א אידישער פּאַ־שיזם?" מר. שערמאַן האָט זיך נאָר וואס אומגעקערט פון א רייזע קיין פּאַלעסטינע און זיין לעקציע זאָגט־צו צו זיין זעהר באַלערענד. די לעקציע וועט פארקומען אינ'ם דזשאָינט באָארד קאונסיל רום, רום 408, 232 וועסט 40טע סטריט.